STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05706

DURKH TOYT TSUM LEBN

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Donacion
Sin Valor comercial

ביבליאָטעק פון

ל. אַליצקי

דורך טויט צום לעבן

דערציילונגען

✶

פאַרלאַג
בוענאָס איירעס

1949

L. OLITZKI

A Través de la Muerte Hacia la Vida

NOVELAS

IMPRESO EN ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

EDITORIAL "ICUF"

Buenos Aires, 1949

ל. אָליצקי איז נישט קיין פּאָנעם כאַדאָשעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס ערשטע בוך זיינס איז דערשינען אין יאָר 1924 אין וואַרשע. ווי אַ מיטגליד פון דער ייִדישער שרייבער־מישפּאָכע אינעם פאַרמילכאָמעדיקן פּוילן, האָט ער געבראַכט זיין צושטייער פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין געשטאַלט פון זיבן ביכער, — דערציילונגען, מעשאָלים און ראָמאַנען. פונעם מאַבל האָט ער זיך געראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד. קומענדיק צוריק אין פּוילן, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין שרייבערישער טעטיקייט, און אין 1947 דערשיינט אין לאָדזש דאָס אַכטע בוך זיינס — דאָס ערשטע אין באַנייטן ייִדישן ייִשעוו אין פּוילן — אַ בוך מעשאָלים, דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם, אַף וואָס עס זאָגט איידעס זיין נאָמען „דער מענטש וועט גוט זיין".

דאָס איצטיקע בוך „דורך טויט צום לעבן" — דאָס ניינטע לויט דער צאָל, צייכנט אָפּ אַ פערטל יאָרהונדערט ליטעראַרישע טעטיקייט פון מעכאַבער, אַ וויכטיקן עטאַפּ אינעם שעפערישן לעבן פון קינסטלער.

אַרויסגעבנדיק איצט אָט דאָס יוביל־בוך, איז דער פאַרלאַג „איקוף" זיכער, אַז עס וועט אויפגענומען ווערן פון ייִדישן לייענער־אוילעם מיט גרויס צופרידנקייט.

הילע געצייכנט
ב. סמענער

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון דער פעדעראַציע
פון די ל״ל־פאַריינען אין אַרגענטינע.

Este libro se terminó de imprimir el 12 de enero de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.

דורך טויט צום לעבן

— א. —

וואַרשע. האַרבסטיקער באַגינען. די זון זיצט נאָך נידעריק אויפֿן האָריזאָנט. אירע רויטלעך-גאָלדיקע שטראַלן שפּילן בלויז מיט די צלאָמים-שפּיצן אַף די קאָשציאָלן. איר שיין פֿלאַטערט לייכט איבער די גאַסן און געסלעך, וואָס זינקען אין קילקייט און שאָטן. די לופֿט איז דורכגעזאַפּט מיט דער פֿייכטקייט, וואָס די ווייסל האָט אַהער אַריינגעאָטעמט איבער דער נאַכט. די דורכגייער קאָן מען ציילן אַף די פֿינגער.

די היטער פֿון געזעץ און אָרדענונג זיינען איבערגעמאַטערט פֿונעם נאַכט-דיזשור, פֿון דער פֿאַרטאָגלעכער קעלט און קעסיידער איבערגעריסענעם שלאָף. זייערע גרין-פֿאַרוועלקטע פּנעמער — אויפֿגעלאָפֿן, אין די אויגן פֿיבערן רויטע אָדערלעך, איבער די רוקנס גליטשן זיך קאַלטע זשאַבעס, דאָס לייב קנייטשט זיך אין פֿאַרשמאַכטקייט, און די הענט פֿאַרציען מאַשינעל די מאַנטלען, אויסצובאַהאַלטן דאָס לעצטע ביסל אייגענע וואַרעמקייט. עס גאָגט דער שלאָף און ציט צום באָדן. דער שאַרבן — אָנגעגאָסן מיט בליי. דער פֿאַרנעפּלטער בליק קוקט מער אויס דעם, וואָס דאַרף קומען טוישן דעם דיזשור, איידער ער פֿאָרשט נאָך אַ פּאַשעטן פֿאַרבייגייער... כאַפּט זיי דער רוגעך!

אַפֿן ריבאַצקע-געסל, וואָס אין שכיינעס מיט דער ווייסל, אינעם פֿייכטן, פֿינצטערן קעלער-שטיבל פֿון די איוויצקאַס, האָט מען ספּעציעל באַשטימט די דאָזיקע צייט, ווען מאַריאַ זאָל זיך לאָזן אין וועג אַריין, אינעם וועג, וואָס לויערט מיט דורכויסיקע סאַקאָנעס. זיך צעקושט מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ און פֿאַרקלעמטע ליפּן מיט דער שוועסטער יאַדוויגאַ און איר טאָכטער, אַנאַסטאַזיאַ, גייט זי אַרויס, פֿון קיינעם נישט

באגלייט, פון דעם קעלער־שטיבל און לאָזט זיך פון אַלטשטאָט צום וואָקזאַל.

זי גייט מיט אַ לייכטן גאַנג. ווייל, כאָטש איר עלטער, וואָס זאָל שווער מאַכן איר טראָט? דער באַגאַזש, וואָס זי טראָגט אָפן רעכטן אָרעם, איז זייער אַ גרינגער — אַ קימאַט לײדיק שטרויען קויש, אי־בערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טיכל. איר גוף אַליין איז אויך, מאַכמעס מאָגערקייט און טרוקנקייט, גרינג און ווינטיק, ווי דאָס שטרויענע קוישל. די דריי יאָר דייטשישע אָקופּאַציע מיט די קאַשמאַרע פּבאָדים, קעסיי־דערדיקן הונגער און, לעצטנס, די שווערע אַרבעט האָבן אויסגעצערט אי־רע מוסקולן ביז אַ פאָדעם, אויסגענאָגט די לעצטע זאַפטן פון איר געביין. איר לייב איז באַהאַנגען מיט אויסגעהוילטע הויט־זעקעלעך און מאַטשיקע פאַלדן. איר אויסגעמאַרכטער סקעלעט טראָגט אַף זיך אַ גאַר רוכניעסדיקע וואָג. ווי איר אָן אַ פּאָר פליגל, וואָלט זי זיך אויפגעהויבן און געפלויגן, כאָטש אַף איר גענויט דריקט די שווערע מאָסע פון פיין און יעסורים.

פונעם שאָטן, וואָס אונטער דעם דרייקאַנטיקן דעכל פון איר שוואַרצן קאַפּטיכל, שניידט זיך שאַרף אַרויס אַף איר קליינעם פול־געקנייטשטן שטערן אַ פּאַסמעלע ווייסע האָר. פון איר קליינעם פאַרשפּיצטן בלאַס־טונקעלן פּענעמל קוקן אַ פּאָר גרויסע־גרויסע גרינבלעכע, נאָר אויסגע־וועפּטע, אויגן. פון די פעלדלעך אַף איר שוואַרצן אָפּגעבליאַקעוועטן קליידל, באָס סאַמע האַלדז־גריבעלע, שימערט אַראָפּ אַ קליין פּאָלירט ווייס קרוציפיקסל. דאָס קליידל, מיט גאַנצע פאַרשמאָלטע אַרבל, הענגט אַף איר נידעריקער פיגור לאַנג און ברייט פּאַלדעוועט זיך פון אַ מינדס־טער באַוועגונג און פאַלט צו צו אירע פיס, ווי אַף הילצערנע דרענגלעך. נידעריקער פון די קנעכל לאָזט עס אַרויסקוקן אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע לייוונטענע, אַמאָל שוואַרצע, לעטשלעך.

זי זעט אויס, ווי אַ זקיינע, אַ נאָנע, וואָס איז נאָר וואָס, נאָך לאַנגן פייניקן זיך מיט טפילעס און טאַניִיסים, אַרויס פון אַ קירך־צעלע און שאַרט זיך, ווי אַ שאָטן, אָפּגעפרעמדט פון וועלט און מענטשן, באַ די מויערן־וועגט לענגויים גאַס.

מאַריאַ איוויצקאַ שאַרט זיך לייכט, אָבער אַ קילקייט בלאָזט דורך דער צעלעבערטער כורווע פון איר גוף, און זי וויל כאַפּן אַ ציטער. אַף

דעם אַלטן געביין פון אַ זקיינע קאָן אַזוי ווירקן די פרימאָרגן-לופט, האַגאַם זי נעמט זיך שוין אָנוואַרעמען. די זון שפּילט שוין אַף די קאַרניזן פון די הייזער. נאָר זי באַצווינגט זיך פונדעסטוועגן, מאַריאַ איוויצקאַ, מיטן קויעך פון איר ווילן, אַז קיין ציטער זאָל נישט אַרוים אַפן אויבערפלאַך פון איר לייב. דאָס קאָן אַרויסרופן כשאַד. אירע בליקן, פאַרקוקט פאַר זיך אומבאַוועגלעך, קלוימערשט נישט-פאַראינטערעסירט, באַמיען זיך אַריינצוראַמען אין זייער זע-פעלד וואָס מער גאַס-רוים. זיי קוקן אוים און שפּירן נאָך.

מאַריאַ איוויצקאַן פייניקט די שרעק פאַר אַ געפערלעך באַגעגעניש.

נאָר אָן קיינע מיכשוילים האָט זי שוין באַלד דורכגעמאַכט דעם וועג, וואָס נעענטער, אַלץ שנעלער ווערט איר גאַנג. וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם דרויסן, ווו נעצן פון אויסשפּירנדיקע בליקן זיינען פאַרשפּרייט אַף טריט און שריט! דאָס האַרץ צאַפּלט, ווי אַ פישל. נאָך די איינע גאַס, און זי איז באַם ציל. אין וואָקזאַל וועט רויִקער זיין אַפן געמיט.

פאַר איר בליק ליגן זיך גאַסטפּריינטלעך די ברייטע שטייגערנע טרעפּ, וואָס פאַר דער וואָקזאַל-טיר, און פאַרבעטן: קום אַרויף און גיי אַריין! נאָר סאַמע אין דעם מאָמענט טוט פון דאָרט, באַם טראָטואַר-ברעג, אַ שטאַרץ צווישן אירע אויגן אַ בלוטיק-רויטער הויכאַקסלדיקער מאַן אין פּאָליציי-אוניפאָרעם. זיינע בליקן — אויסגעבויגענע און פאַרשפּיציקטע, ווי קראַלן פון אַ כאַיע. ער שטייט, אַזוי ווי טאַקע אַף איר וואַרט ער. זיינע בליקן קראַצן אַראָפּ פון איר שוין באַצייטנס די מאַלבושים מיט פּאַסן הויט. זי דערפילט שטאַרקער דאָס האַרץ — עס שלאָגט שנעל און הויך, וויילנווייז זיך איינגאַנצן פאַרהאַקנדיק, ווי אַ קאַליע זייגער: אַ געשטאַפּאָניק!

דער אינסטינקט פון זעלבסטפאַרהיטונג זאָגט אונטער דעם צעטומלטן פאַרשטאַנד: פאַרקערעווען, פרוון אים אויסמיידן, הייסט — זיך אויסגעבן. טוט זי זיך אַ נעם אין די הענט אַריין, הייבט דאַווקע אויף דעם קאָפּ און גייט, נישט אָפּגייענדיק, גלייך אַף אים. ערשט קימאַט פאַנעם-על-פּאָנעם טוט זי זיך אַ קער אַוועק פון אים מיט אַן אומצופרידענעם וואָרטש, ווי פון אַ בייזוויליקער שטערונג אַפן גלייכן וועג, ס'הייסט: ס'גייט אַ זקיינע, פאַרוואָס זאָל איר אַ יונגער הער נישט אָפּטרעטן דעם וועג!

דאָס בייזע געשפּענסט איז שוין הינטער די פּלייצעס!... אדאַנק דיר, גאָט!

— האַ־אַלט! יודין? — טוט זיך איר אַ בייס איין אין האַלדז־און־נאַקן אַ הינטישער פּיסק.

נאָר וואָס האָט מאַריאַ איוויצקאַ, אַ זקיינע, אַ פּאַליאַטשקע, אַ קאַטאָליטשקע, זיך אָפּצושטעלן אויף אַ פּרעמדר־שפּראַכיקן רוף הינטער די פּלייצעס, וואָס זיין זין איז איר נישט באַקאַנט, און וואָס איז זיכער, נישט צו איר געווענדט?...

און זי גייט זיך געלאַסן, ווי נישט איר מיינט מען, ווייטער און קומט בעשאָלעם אריין אין וואָקזאַל.

באַם פענצטערל, וווּ זי וויל בעטן אַ בילעט, וואַקסט אויס דער זעלבער פּאַרשוין... און עפּשער איז דאָ אַ צווייטער, ווייל אַלע האָבן זיי איין כאַיעשע צורע. ער פאָדערט אַ קען־קאַרטע. זי נעמט אַראָפּ דאָס שוואַרצע טיכל פונעם ווייסן שטרוי־קוישל, וווּ עס ליגט דער פּאַספּאָרט. ער דערזעט אַ טפילע־בוך, אַ „רויזנקראַנץ" און — עטוואָס פאַרדעכטיקס — אַ רוסיש ביכל אין די פּאָדערשטע בלעטלעך...

— וואָס איזט דאָס? — ווייזט ער אין אויף דעם און סאַרפעט עס מיט סינעדיקע אויגן.

מאַריאַ איוויצקאַ קוקט אויף אים מיט גרויסע־גרויסע, נאָר גאָרנישט־פאַרשטייענדיקע אויגן. פונוואַנען זאָל זי, אַ פּאַליאַטשקע, פאַרשטיין דייטש?... שטעכט ער מיט אַ גראָבן פינגער אין ביכל אריין און כאַזערט איבער די פראַגע מיט דערקלערנדיקע באַוועגונגען פון שטום־לאָשן מיט געשריי און זידלעריי.

— אהאַ!... שאָקלט זי ענדלעך מיטן זקייניש ן קעפּל, ס'הייסט — זי פאַרשטייט שוין. און זי ענטפערט אים אויף פּויליש.

ערשט פלאַקערט ער נאָך שטאַרקער אויף פון רעציכע. ער פאַרשטייט זי נישט; ער פאַרשטייט נישט איר הינטישע שפּראַך! זוכט זי מיט די אויגן אַרום זיך, ווי אַ פאַרלוירענע, אַן אייצע. ווי זשע גיט מען עס אים צו פאַרשטיין? און — זי טוט מיט אינעווייניקסטן ווייטיק און אויסלערלעך אין ראַכמאָנעס אַ ריס אַ בלאַט פונעם ביכל, מאַכנדיק מיט דעם אַ נישט־באַקוועמע און מיעסע באַוועגונג הינטער זיך... זי האָט געטראָפן אין פּינטל אריין! די כאַיע צעהירזשעט זיך פון פאַרגעניגן. זי

האָט באַנומען, די כאַיע, צו וואָס פּאַר אַ צוועק די אַלטע פירט מיט זיך איין שוויינישעם בוך. די אַלטע איז נײַסע־כּיין אין זײַנע אויגן. נאָר באַלד איז ער ווידער דינסטלעך־ערנסט, אָפּוואַרטנדיק די קען־קאַרטע, בעיים זיין בליק טאַפּט אין קוישעלע: אַ פּאַר שוואַרצע סוכאַרעס, אַ צענדליק ריבלעך און אַ גאָלדענע ציבעלע. פון אונטער דעם אַלעמען באַ־קומט די אַלטע אַרויס דעם פּאַספּאָרט.

ער נעמט און לייענט אים מיטן בליק: — המם... זעכציק יאָרע... ער קוקט אָף דער פאָטאָגראַפיע און אָפן אָריגינאַל: ענלעך?... און דער־לאַנגט איר דאָס פּאַפּירל צוריק לאַנגזאַם און מיט נישט אײַנגאַנצן אויס־געוועפּטן כשאַד.

פּאָלשטענדיק באַרויִקט ער זיך ערשט דעמאָלט, ווען — אין זײַן בליק שימערט אַריין דאָס ווייסע קרוציפיקסל אָף איר האַלדז־גריבעלע.

דאָן שטעקט ער גלאָסן אַריין אַ לאַפּע אין קוישל, נעמט גלאָסן אַרויס אַ ריבל, שטעקט גלאָסן אַריין די צווייטע לאַפּע אין דער הויזן־קעשענע, פון וואַנען ער ציט אַרויס אַ קליין מעסערל מיט אַ שוואַרץ האַקנקרייצל, עפנט עס און שיילט גלאָסן אָפּ דאָס ריבל, און נעמט עס נאָך גלאָסענער גריזשען. זיין פּאַרצוף איז ערנסט־טעמפּ, ווי דאָס פּאַ־נעם פון אַ רינד בעייסן מאַלעגיירען.

מאַריאַ איוויצקאַ קערעוועט זיך פון אים אַוועק מיט אַ מינע פון פאַר־דרוס צוליבן צונגרויבטן ריבל און ווינטשעוועט אים אָף פּויליש, ער זאָל עס צוריק אָפּגעבן מיט דער גרינער גאַל און מיט בלוט און מיט אייטער. עמעץ פון דער ריי צעלאַכט זיך מיט האַסקאָמע און פאַרגעניגן.

געקריגן דעם בילעט, לייגט אים מאַריאַ איוויצקאַ אַריין אין פּאַס־פּאָרט, פאַרשטופּט אים אונטער די ריבן, פאַרדעקט צוריק דאָס קוישל מיטן שוואַרצן טיכל און שלייכט אַוועק פונעם אָרט, וואָס ברענט אירע טריט.

זי שאַרט זיך אַריין אינעם געדיכטעניש פונעם פּראָסטן רייזנדיקן אוילעם מיט זייער געפּעק און דערפילט זיך פאַרשטעלט פון די בייזע צוגווינטן, וואָס יאָגן איבערן וואָקזאַל. די רויִקייט פון דער מאַסע גיט זיך איר איבער אוממיטלבאַר... זי דאַרף זיך האַלטן מיטן אוילעם היי־מישלעך, באַרעדעוודיק זיין. כאָטש דאָס געמיט ווערט ווי מיט אַ נעץ

געצווינגן אין זיך אריין, צו איינזאמקייט, צו פארבלייבן מיט זיך אליין, מיט די אייגענע פיינען, געפילן און מאכשאוועס.

זי הערט זיך צו צו די שמועסן פון די שכיינים, ווארפט אליין אריין א ווארט, א פראזע, פרעגט און ענטפערט אף פראגן:

— ווהין זי פארט? ווייט. זייער ווייט. א ווייטע, שווערע נעסיע פאר אן אלטן מענטש היינטיקע צייטן... צו וואס? ס'איז צו איר דער־גאנגען, זי ווייס אליין נישט דורך וואסערע פארפלאנטערטע וועגן, א יעדיע (אויב איר ווילט, זייער א טרויעריקע, און אויב איר ווילט, א דער־פרייענדיקע), אז איר מעזיניק, איר סטאך, א כאראנזשי איז ער געווען, איז דארט אומגעקומען אין קאמף מיט די באלשעוויקעס... א ווארענע וואלט אים די ליכטיקע אויגן אויסגעפיקט, הינט און וועלף וואלטן זיין אינגעווייד פארשלעפט. האט זיך די הייליקע גאטס מאמע, מאריא די טשענסטאכאווער, אף אונדז דערבארעמט. א כאווער זיינער האט אים דערקענט און באערדיקט אפן פוילישן צווינטער, אפילע א ציילעם מיט א ברעטעלע אף אים געשטעלט מיט זיין נאמען און פאמיליע־נאמען — סטאך איוויצקי. די הייליקע גאטס מאמע, מאריע די טשענסטאכאווער, וועט אים דערפאר, דעם כאווער סטאכס, דאס גאנצע לעבן באשיצן און באשירמען, ווייל ער איז איר גוטער שעליעך געווען און געראטעוועט איר קינד פון שאנד...

— ווייל זי, די אלטע מאמע סטאכס, א טפילע אפריכטן אפן זונס קייווער, מיט בלימעלעך אים פארפוצן, פון הארץ צו הארץ מיט אים זיך אדורכשמועסן...

— ביידע צווינטערס דארט וועט זי אדורכנישטערן, און איר אייגן געביין אפגעפינען, אויב דאס ברעטעלע איז שוין פון זון, פון רעגנס און ווינטן שווארץ, פארפוילט געווארן, זיין נאמען איז פארווישט, — וועט אים דער אלטער מאמעס הארץ פון קייווער ארוים דערשפירן, איר סטאכן, איר מעזיניק...

עס טוט דריבנע א שוידער איר גאנץ גופל, און שווערע טרערן־טראפנס טריפן אראפ פון אירע ברעמען. עלטערע פויערטעס שאקלען צו אף אירע ליידן מיט די קעפ, זיפצן אפ, שעפטשען מיט די ליפן און ציילעמען זיך איבער. מע פארהיימישט און מע באפריינדעט זיך מיט איר. אפן צוג איז נאך לאנג־לאנג צו ווארטן, לענט מען אונטער דאס

הארץ און מע פארטרינקט מיט בריעכץ. מ'איז אויך זי געכאבעד מיט א קאלט שטיקל קארטאפליע, מיט א ביסן שווארץ ברויט און קאכעדיק וואסער.

מאריא איוויצקאס הארץ בארויקט זיך, ווערט געשטארקט: דא איז פאר איר קיין נעץ נישט פארשפרייט. עס גייט איר איין די געשענקטע „טיי" מיט איר אייגן ריבל צוקער-שטאט.

אזוי, אין הארציקע שמועסן, אין היימישן נישט-מאטערנדיקן שטילשווייגן, גייט אוועק דער לאנגער ערשטער האלבער טאג. ס'דערנענטערט זיך שוין פיר אזייגער. דורך א הויכן וואקזאל-פענצטער שימערט אריין פון ערגעץ, פונעם אפגעפרעמדטן פיינטלעכן דרויסן די זון... דאס פארווארפט דער דרויסן א גאלדענע נעץ; קלוגע פיש ווערן פארזיכטיקער... ס'פארט אן דער צוג, וואס גייט אף ראוונע. מיט עטלעכע באפריינדעטע פויערטעס קריכט זי אריין אין א קופע און פארנעמט א ווינקעלע, וואס באטאג האט עס א כעסארן — דאס פענצטער...

דער צוג רירט און לאזט זיך אוועק.

דער דושנער אויגוסט-דרויסן, דורכגעלויכט און דורכגעזאפט מיט זון, לויפט נאך דעם אפענעם פענצטער פון קופע מיט אפגעשניטענע פעלדער מיט אפגעקאסעטע לאנקעס, מיט וועלדער, וואס טוען זיך אויס נאקעט, מיטביימער, וואס שפייען מיט קופער, מעש, גאלד און בלוט. דער פוילישער גאלדענער יעשיען אנטלויפט פון ארום ווארשע, אנטלויפט פארן דייטש, ווי דער שווארצער פעפער וואקסט...

דער קופע, כאטש ס'איז אין אים גענוג גערוים, איז פארשטאפט מיט געפרעסטער דושנעקייט, וואס איז דורכגעוועבט מיט זונשיין און שטויב. די דושנעקייט ליגט אנגעוואליעט אף די קעפ פון די רייזנדיקע, שפארט אף זייערע ברוסטן און מאכט שווער דאס אטעמען. זיי ווערן גיך אנטשוויגן און באקומען שוין נישט דאס לאשן צוריק. דא בא אייגעם, דא בא א צווייטן לאזן זיך שווער אראפ די אויגן-לעדלעך, און די רעדער פונעם צוג, אומגעזועגע, בלויז זיך פארגעשטעלטע, הייבן אן שווינדלען פאר די צוגעמאכטע אויגן און דרייען זיך אריין אין די שארבנס. דער ריטמישער לויף-געדרויש פונעם צוג פארויגט, פארשיקערט. קעפ און קערפערס שאקלען זיך אין דער נעץ פון דרימל. די דושנע שטילקייט לאזט זיך הערן מיט א שווער מענטשלעך אטעמען.

זי ווערט געזעגן פון עמעצענס א שארפן זעמערדיקן כראַפּען. עס דער־מאָנט אין א הייסן זומער-באָטאָג אף זומפּיקע לאָנקעס מיטן געברום פון זשאַבעס איבער זיי.

מאַריאַ איוויצקאַ, אָנגעלענט מיט די הענט אפן קוישל, וואָס אף אירע קני, און מיטן קאָפּ אפן האַרטן פענצטער-טישל, איז ווי פאַרטשאַ־דעט. זי דרימלט און וואַכט גלייכצייטיק. אירע גערדאַנקען פּלאָנטערן זיך, און זי קאָן זיי נישט אויפפּלאָנטערן. אין זינען טוישן זיך גע־שטאַלטן און געשעענישן געשפּענסטהאַפטיק. זי קאָן זיי נישט אָנכאַפּן, זיי צערינען, ווי שאָטנס. נאָר... אָט באַקומט איין שאָטן-געשטאַלט לייב און בלוט און שטייט פאַר איר לעבעדיק: די פאַני שייפּעראָווא, וואָס איר, מאַריאַ איוויצקאַס, פּלימעניצע, אַנאַסטאַזיאַ, האָט באַ איר גע־דינט. א יידישע פרוי פון א יאָר פינף און פערציק. לאַנגע כאַדאָשים האָט זי, די פאַני שייפּעראָווא, זיך געמאַטערט אין אויסצערנדיקן הונ־גער, געוואַרט — דער פּאַן שייפּער, וועלכער איז אַנטלאָפן מיט די דריי יינגלעך צו די באָלשעוויקעס, זאָל אויך זי אהין אַרויסנעמען, און האָט זיך דערוואַרט — אף דער טליע! אָט קוקט זי, מאַריאַ איוויצקאַ, דורכן פענצטערל פון זייער קעלער-שטיבל אף ריבאַצקאַ — קוקט אַריבער דער ווייסל, וואָס שטראָמט ווי א זילבערנער וועג אונטערן בלענד פון דער זון, און אפן גרונט פון איר צוווייטן ברעג זעט זי די טליע, ווו מ'האָט פאַר די צאַרישע צייטן געהאַנגען די רעוואָלוציאָנערן, אף איר — די פאַני שייפּעראָווא! סאַראַ קליינינקע זי איז, א מאַנטשינקע, א פינטע־לע... אָבער פאַרט א מענטש. שוידערלעך!

זי ציטערט אויף. נאָר די אויגן זיינען איר נאָך אַלץ פאַרמאַכט. זי ווייס נישט, צי זי איז שוין וואַך, צי אַלץ נאָך אין דרימל. אָבער זי טראַכט... וואָס האָט זי, מאַריאַ איוויצקאַ, א קאַטוילישע זקיינע, א פּאָ־ליאַטשקע — וואָס האָט זי זיך וואָס צו שרעקן פאַר די געשטאַפּאָניקעס? סאַראַ גרויסער שטום פון איר זייט! מיטן ווייסן קרוציפיקסל אפן האַלדז האָט זי אפילע היטלערן אַליין אין דר'ערד! און צוריק גערעדט — זאָלן זיי שיסן, הענגען, קעפּן, דערטרינקען, דערשטיקן! סאַראַ וואָזשנע מע־ציע זיי וועלן דאָ כאַפּן!... און זי באַוווּנדערט זיך אַליין; עפּעס האָט זי גאָר קיין פּאַכעד נישט פאַרן טויט!

ערגעץ, פאַר א גרויסער סטאַנציע, טוט דער צוג א לאָז אַרויס פון

זיך א ריזיקן שארפן הארן — א לאנגן, לאנגן פייף. ער טוט זיך פריידיק א צעטרייסל, ווי פון אנטציקונג — ענדלעך, שוין פארנאכט-צו, אנגעיאגט צו א מאקעם-מענוכע; צעטרייסלט, אנגעשלאגן מיטן שטערן אינעם הארטן טישל, טוט זיך מאריא איוויצקא א צעוועק. זי ווערט איינגעשרומפן פון פאכעד באם פלוצלינגן אויפבלענד פון איר באוווסטזיין:

...ווי טויט־געפערלעך ס'איז די נעסיע, וואס זי האט אונטערגענומען! זי — נישט קיין זקיינע פון זעכציק יאר, נאר א פרוי פון פינף און פערציק! נישט קיין קאטויליש־פוילישע פרוי, נאר א יידישע טאכטער! נישט מאריא איוויצקא, נאר כאיעלע שייפער!...

— ב. —

כאיעלע שייפער האט זיך איצט נישט נאר פון דרימל אויפגעכאפט. זי האט זיך אויפגעוואכט פון דעם אויסטערלישן געמיט-צושטאנד, אין וועלכן זי פלעגט זיך פילן, אף דער וואר אפילע, בעפויעל אלס מאריא איוויצקא. צו אזא צושטאנד פלעגט זי זיך זעלבסט פארהיפנאטיזירן אין מעשעך פון די לעצטע כאדאשים אין מאמענטן פון אויסערסטן געפאר. און דער היפנאז פלעגט איר געלינגען. עס האט אים צוגעהאלפן דער געוואלדיקער דורשט צום לעבן, דער ווילן לעבן צו בלייבן פאר יעדן פרייז, אפילע פאר דעם פרייז פון אויסטוישן די אייגענע פערזענלעכקייט אף א פרעמדער. זי האט זיך נישט פארשטעלט אלס מאריא איוויצקא פאר פרעמדע, נאר זיך פארוואנדלט אין מאריא איוויצקא פאר זיך אליין. זי האט נישט געשפילט מאריא איוויצקא, זי איז ג ע וו ע ן מאריא איוויצקא. און ווען דער דאזיקער פסיכישער צושטאנד האט זיך איינגעשטעלט, האט אים געמאכט דוירהאפטיקער איר בלוטיקע אויסגעווארצלטקייט פונעם יידישן באדן, וואס איז מיט פיין פארזייט געווארן, און די פויליש-קאטוילישע ארומרינגלונג מיט דער לייבלעך-נאענטגעווארענער יאדוויגא איוויצקא און אנאסטאזיא. אט די דאזיקע פסיכישע בלאנדזשעניש פלעגט זי איבערלעבן דער איקער אין קאשציאל, ווו זי האט אין אלץ נאכגעטאן דער שוועסטער יאדוויגא. עמעס, אויך דעמאלט האט דער יידישער פאכעד געמאכט עפעס-וואס ציטערן אין אירע איינגעווייד, ווי א פישל, וואס דערשפירט געפאר. נאר

דאָס איז פאָרגעקומען טיף ערגעץ אין איר וועזן, אפן גרונט. איר אויבערפלאַך, דאָס פּאָנעם און געשטאַלט, איז געווען פולשטענדיק פאַרגליווערטע רויִקייט, ווי דער אייז־דעק איבער אַ שטראָמענדיקן טייך.

אין אַזאַ־אָ פסיכישן צושטאַנד האָט זי זיך היינט געפונען קימאַט דעם גאַנצן טאָג. ווען נישט, וואָלט זי נישט געקאָנט אַזוי דערציילן די פויערטעם וועגן איר סטאַכן, ווי זי האָט דערציילט, מיט אַזאַ קאַטויליש־פרומען לאָשן און מיט אַזאַ עמעסדיקייט. באַזונדערס איז זי היינט געווען מאַריאַ איוויצקאַ אין די מינוטן, ווען זי האָט מיטן געשטאַפּאָניק געהאַט צו טאָן וועגן דעם רוסישן ביכל. ווען נישט, וואָלט זי בעשום אויפן נישט געקאָנט מאַכן דעם כוצפּעדיקן און געמיינעם זשעסט מיטן בלעטל פון פרוגס לידער־בוך — דעם טייערסטן אָנדענק פון איר יוגנט, און דאָס גראָד האָט זי עפּשער געראַטעוועט פונעם גראָבן נעפעש, גיכער ווי דאָס קרוציפיקסל.

איצט איז זי צוריק אין איר אייגענער יִדישער הויט. זי איז די יִדישע פרוי כאַיעלע שייפער, כאָטש צום אויסזען פון אירע פינף און פערציק יאָר וועט זי זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן. דאָס געפאַר, וואָס לויערט אַף איר, איז איצט טויזנטפאַכיק שטאַרקער געוואָרן. מיט שוואַרצע קאַלטע כוואַליעס־רינגען איז זיך דער פאַכעד צעלאָפן איבער איר געמיט, און דעם צעלעכצטן גוף וויל אויפרייסן פון אינעווייניס אַ קאַדאָכעס. אירע אויגן פיבערן אויף און טוען זיך אַ צעיאָג, ווי פלעמלעך אפן ווינט: פון די היימישע שכיינעם איז שוין דאָ נישטאָ קיין איינע, אָפּגעשטיגן פאַר דער צייט, וואָס זי האָט געדרימלט, און... צי לאָקערט נישט אַף איר אַ בייז אויג פון אַ מיטרייזנדער, וואָס איז נישט גינציק צו איר? צי שפּיזלט נישט איבער איר קאָפּ דער פאַרדעכטנדיקער בליק פון אַ געשטאַפּאָניק? המם... קיינער האָט זי, דאַכט זיך, נישט אין זינען. פונדעסטוועגן לייגט זי שנעל אוועק די הענט אַפן טישל, פאַרשטעקט, ווי אַ קראַנק הינדל, דאָס קעפּל אין די עלנבויגנס און וואַרט מיט אַ קלאַפּעניש אין האַרץ און אין די שלייפן: צי וועט נישט עמעצער אָנקלאַפּן אימפּעטיק און בלוט־דורשטיק אין איר שאַרבן מיטן קלאַפּ פון אַ געשטאַפּאָניק אין אַ יִדישער טיר?...

עס געשעט גאָרנישט. דער פאַכעד נעמט זיך אָפּזעצן אין איר, ווי געדיכטע שוואַרצע הייוון. דאָס געמיט קלאָרט זיך אויס. זי באַהעפט זיך

אַ רעגע מיט דער דרויסנדיקער וועלט. זי נעמט אויף דעם ריטמישן רויש און געבראַזג פונעם צוג, וואָס טראָגט זיך מיט טייִנגע אַלץ פּאַרויס, פּאָרויס. זי זעט מיט אַן איבערלעכן בליק דורך די געשלאָסענע אויגן, ווי זײַנע רעדער וויקלען זיך קעסיידער אָן ארום זיך מיט לאַנגע־לאַנגע, שווערע־שווערע פּאַסמעס באַדן און לייגן זיך אָפּ באַלעמסווייז הינטער זיך.

...פון וואַרשע — קיין ראָוונע! פון וואַרשע — קיין ראָוונע! — רוישט עס איר ריטמיש אין קאָפּ און פאַרוויגט אין איר דעם פּאַכעד. ס'איז שוין איצטער אָוונט. קיין סאַקאָנע איז איצט נישט צו דערוואַרטן, זי מעג זיין ז י אַליין — כאַיעלע שייפער. לעבן איר פערזענלעך יידיש און מענטשלעך לעבן און טראַכטן אירע אייגענע — כאַיעלע שייפערס מאַכשאָוועס.

— — — ווי אויסטערליש, וואָס זי איז די באַזיצערן פון מאַריאַ איוויצקאַס פּאַספּאָרט, ווי נימדיק! אָקאָרשט היינט האָט ער זי דאָך געראַטעוועט, בעשוטפעס מיטן קרוציפיקסל, פון אַ זיכערן טויט! מיט וואָס האָט זי זיך עס באַ דער אַלטער פּוילישער שוסטערקע, באַ יאַדוויגאַ איוויצקאַ, פאַרדינט, זי זאָל איר דער פאַרשטאָרבענער שוועסטערס, מאַריאַס, פּאַספּאָרט שענקען? זי זאָל איר, אַזוי צו זאָגן, פאַר אַ שוועסטער אַדאָפּטירן, און, טאַקע ווי פאַר אַ שוועסטער, פאַר איר דאָס לעבן שטרעקן? דערמיט וואָס איר טאָכטער, אַנאַסטאַזיאַ, האָט באַ זיי, באַ דער גאָרנישט אַזוי געהויבענער „פּאַנסטוואָ" שייפער, דריי יאָר אַלס דינסטמויד געדינט פאַר פּופּצן גילדן אַ כוידעש מיט קעסט?

זי, די „פּאַני" שייפער — זי דאַרף זיך אַליין איצטער דעם עמעס זאָגן — האָט דאָך קיינמאָל נישט איבעריק הומאַניטאַר און פריינטלעך אירע דינסטמיידלעך באַהאַנדלט, זי זאָל זיך קאָנען איינריידן, צוגעבונדנקייט און דאַנקבאַרקייט פון זיי צו דערוואַרטן. פאַר וועלכן האָט דאָס איר געקאָנט קומען פון זיי, פון די דינסטמיידלעך, כאָטש אַ בלויזן שיינעם דאַנק? אַזוי גלייך ווי אַנדערע „פּאַניס", איז אויך זי טאָמיד בייז און דענערווירט געווען: מאַכמעס געענגטקייט אין געלט, צו קאָנען פירן זיך ווי באַ לייטן; מאַכמעס דער שטוב־ און קיך־ווירטשאַפט; מאַכמעס אַרנס געשעפטן, אין וועלכע זי האָט אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען, נאָר הערן עס פון אים, אַז זי פאַרשטייט נישט, האָט אַזוי בריענדיק באַליידיקט;

מאכמעס דעם אייביקן ארומרייסן זיך פון די קינדער, זייער נישט צו־גרייטן די לעקציעס און די אָפּטע ארויספאָדערונגען פון שול. פון וואָס זיך צו דענערווירן, אזוי אַז דאָס בלוט זאָל גערונען ווערן אין די אָדערן, האָט קיינמאָל נישט אויסגעפעלט... האָט מען דאָך געמוזט אַף עמעצן דאָס בייזע בלוט אויסגיסן; עמעצן האָט מען דאָך געמוזט מיט די צע־פּייניקטע נערוון, ווי מיט געזאַלצענע ריטער, אויסשמייסן. אויסלאָזן צו ארענען? פאַר אים האָט זי מוירע געהאַט; לעגאַבע אים האָבן געקאָנט גילטן בלויז טרערן. צו די קינדער? דאָס מאַמע־האַרץ האָט נישט דער־לאָזן; זי האָט יויצע געווען מיט פאַרמאַסערן זיי פאַרן טאַטן, און דער־נאָך אַליין זיך איינשטעלן פאַר זיי, בעיים עס האָט געזאָלט קומען צו אַן עקזעקוציע. פאַר דער דאָזיקער גוטסקייט האָבן זי די קינדער נישט ליבער באַקומען. און פונעם מאַן האָט זי נישט איינמאָל געקריגן די גאָב:

— בעהיימע! אַז מע זאָגט אַלעף, מוז מען זאָגן טאָף, איז קום זיי נישט פאַר מיר פאַרמאַסערן, גיב זיך מיט זיי אַליין אַן אייצע...

אויסגעלאָזט האָט זי איר גאַנצע ביטערניש, פאַרשטייט זיך, צום שוואַכסטן, צו דעם צופעליקן און צייטווייליקן מענטשן אין שטוב — צום דינסטמיידל. וואָס קאָן געשען ערגער פון ערגער? זי וועט אַוועק־גיין? וועט מען קריגן אַפּן דריטן טאָג אַ צווייטע. עס פעלט נישט דאָס מין!

...צי וואָלט זי, כאַיעלע שייפער, דאָס געגלויבט אַף זיך, ווען מען וואָלט עס איר געזוען זאָגן מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז נאָך כאַיעלע איידלמאַן געווען, אַ שילערן פון ראָווגער גימנאַזיע, דערצויגן אַף דער רוסישער ליטעראַטור און גאַנצע שטיקער פון פרוגן אַף אויסנווייניק געקענט? אַן אידעאַליסטקע איז זי דאָך געווען! פרוג איז פאַרבליבן איר באַליבטער דיכטער ביזן היינטיקן טאָג.

ווי האָט ז י געקאָנט האָבן אַזאַ שענדלעכע באַציִונג צו די שטוב־מיידלעך? נאָר (פאַרענטפערט זי זיך) צי פלעגט זי דען נישט אַמאָל, גאָרנישט אַף קיין שיינעם אויפן, באַשטראָפן אויך די קינדער? איבערהויפּט דעמאָלט ווען אַרן איז געווען אַפּן וואָיאַזש, און זיי, די קינדער, פילנדיק, אַז דאָס ציימל איז פריי, זיינען גאָר אינגאַנצן אַרויס פון די האַלאַבליעס. פאַרמאַסערן זיי איז נישט געווען פאַר וועמען, און זיי האָבן זיך טאַקע געריצט:

— נו, פאַר, מאַמע, פאַרמאַסער פאַרן טאַטן!

...זיינען זיי דען שטענדיק געוועזן די שולדיקע, בעיס זי האָט זיך צעגאָסן איבער זייערע קעפּ מיט בייזע זידלערייען, ווי מיט אַ האָגל און אַ שלאַקסרעגן? אָדער ווען זי האָט אָנגענומען אַ פול האַרץ און אַ פול פּאָנעם מיט ברויגעז, און לאַנגע שאָען, טעג אַמאָל, נישט גערעדט מיט זיי, אַפילע קיין בליק אויף זיי נישט געטאָן. גערעכט, נאַטירלעך, איז געוועזן אַמאָל — זי, אַמאָל — די קינדער. נאָר די שוואַכערע זיינען שטענדיק פאַרט זיי געוועזן. געלט אויף זיסקייטן, אויף נאַשערייען איז באַ איר אין רידיקול.

...דאָס נעמלעכע אויך מיט די דינסטמיידלעך: די שוואַכסטע זיינען זיי שטענדיק — אָן אַ גוטער כאַראַקטעריסטיק פון דעם אָרט, ווּ מ'האָט פריער געדינט, איז שווער אויף אַ ניי אָרט אָנצוקומען, עפּשער... איז זי אויך אַמאָל גערעכט געוועזן.

...אין אַזעלכע טעג, ווען זי האָט די קיך אין אַ געהענעם פאַרוואַנדלט, האָבן איר נישט געשמעקט, נישט די זיסע קאַקאַאָ אויפן פרימאָרגן, נישט באַטאָג דער מיטאָג, און נישט די מאַראַנצן אין אָוונט. זי איז ברויגעז געוועזן נישט נאָר מיטן דינסטמיידל, מיט דער וועלט, מיטן מאַן, מיט די קינדער, נאָר אויך מיטן אייגענעם לייב און לעבן. איר לעבן איז איר נישט ניכע געוועזן. אירע טרערן, וואָס האָבן דעמאָלט מיט אַ גרויען פאָרהאַנג פאַרשטעלט פאַר איר פּרוגס געעפנטן לידערבוך, דער איינציקער זייכער פון אירע אידעאַליסטישע מיידל-יאָרן, און זיך אין זיינע בלעטער איינגעזאַפּט — וואָלטן וועגן דעם געקאָנט איידעם זאָגן.

...נאָר באַהערשן זיך און איינהאַלטן אַ לאַנגן שאָלעם-באַיִס אין קיך איז איבער אירע קויכעס געוועזן, איבער אירע צעשרויפטע נערוון. האָט איינמאָל פּאַסירט, זי האָט אַ דינסטמיידל „געכאַפּט פאַר דער האַנט" באַם גאַנוועגען אַ בעסערן ביסן פון בופעט אַרויס, — איז ווי קוקט מען שוין נישט אויף אַלע דינסטמיידלעך ווי אויף גאַנעווטעס! מיט וואָסער „פּאָני" זי זאָל נישט ריידן, באַשטעטיקן אַלע דאָס אייגענע, איז גיי לעב בעשאָלעם מיט אַ בריע, וואָס באַגאַנוועט דיך אָוואַדע צען מאָל אַ טאָג און מאַכט דיך אומגליקלעך!

...נאָר אַנאַסטאַזיאַ, יאַדוויגאַ איוויצקאַס טאָכטער, האָט זי, כאַיע־

לע שייפער, באשיינפערלעך איינגעזען, איז אן אויסנאם. אנאסטאזיאן האט זי בלויז א קורצע צייט געהאלטן אונטער א כשאד. איר שטיל און ערלעך פאנעם האבן עס נישט דערלאזן. פארצוהאלטן זי פאר גנייווע האט זי נישט באוויזן. ווען זי, די „פאני", פלעגט דאך אמאל אף איר זיך אנבייזערן, פארוואס זי האט, לאמיר זאגן, א טעלער אדער א גלאז צעבראכן, פלעגט אנאסטאזיא נישט אפענטפערן, ווי טיילמאל אנדערע, סטערדיש, כוצפעדיק. זי פלעגט בלויז רויט ווערן איבער די אויערן, זיך שנעל אנצינדן, ווי שטרוי, איבערברענען און קיין ווארט נישט ריידן. זי האט איבערגעווארט געדולדיק, ווי א פויער א רעגנשטורעם אין פעלד. ערשט ווען זי איז זיכער געווען, אז דער פאנים צעצארנט געמיט האט זיך שוין פולשטענדיק איינגעשטילט, פלעגט זי צו איר צוגיין זיך אנטשולדיקן:

— זאל מיר די פאני מויכל זיין. איך וועל זיך באמיען זיין פארזיכטיקער, — פלעגט זי זאגן פארשעמט. נאר פארוואס זי איז פארשעמט — פאר איר קליימערשט שלעכטן טאט, אדער גאר פאר דער „פאנים" אומגערעכטן בייזערן זיך... איז נישט קלאר געווען.

ווי האט זי דאס איינמאל געשטאמלט, אנאסטאזיא?

— עס טרעפט. מ'איז דאך נאר א מענטש. אנומלט האט די פאני אליין... די פאני דערמאנט זיך? צעבראכן דעם פיש־פאלימיסעק, בעיים די פאני האט זיך געבייזערט אף פעליקסן... די פאני האט מיר אפילע געבעטן דעמאלט, איך זאל זיך, גאט באהיט, פארן פאן מיט קיין ווארט נישט ארויסכאפן.

דעמאלט איז געקומען איר ריי, דער „פאנים", רויט צו ווערן — מער פאר שאנד ווי פאר פארדראס, וואס איז אויך אביסל געווען.

— נו, גיי שוין גיי, דו... שאדן־ווינקל! — און נישט ווילנדיק האט א שמייכל א שפיל געטאן אין די ווינקלען פון אירע ליפן.

האט אנאסטאזיא אומגעלומפערט א כאפ געטאן מיט דער ברייט־צעפארענער שארטעקער האנט איר פוכקע הענטל און עס א קוש געטאן.

...בעמעס צו אנאסטאזיען, קאן זי זאגן, האט זי זיך אפילע גינציק באצויגן. ווען מאלקעלע גאלדהאבער, די שביינע זייערע, האט איר איינמאל פארמאסערט, אנאסטאזיען, אז שקאצים קריכן צו איר באנאכט דורכן פענצטער, וואס גייט ארויס צו זיי, די גאלדהאבערס, אפן

באַלקאָן, (אַ צווייטע וואָלט זי אין אַזאַ פאַל גלייך אָן טיינעם און מיי־
נעם מעשאַלייעך געווען) — האָט זי זי פריער אַף אַ פאַרהער גענומען.
און אַז אַנאַסטאַזיאַ האָט פון איר פולן, פאַרענדיקן בוזעם אַ ציִ אַרויס
געטאָן דאָס קרוציפיקסל, אָט דאָס זעלבע טאַקע, וואָס זי טראָגט אַצינ־
דער, און זיך אַף דעם הייליק געשווירן, אַז נישט קיין באָכערים, נאָר
בלויז איינעם אַ באָכער לאָזט זי אַהער אַריין; אַ באַקאַנטן זעלנער, סטאַך
הייסט ער; זייער אַן ערלעכער און שטילער; זיי האָבן זיך ליב; זונטיק
קומט ער צו זיי אין שטוב אַף ריבאַצקע; די מאַמע ווייס וועגן דעם;
זיי וועלן כאַסענע האָבן ווי נאָר ער וועט פאַרענדיקן די מיליטער־דינסט
דאָ הי, — האָט זי איר דערלויבט אים אַריינצולאָזן אַפילע:

— קוים איז ער דיינער אַ כאָסן, איז קיין שום זינד נישט. ביטע,
אין אַ פרייער צייט, ווען דו ווילסט נאָר, פאַרבעט אים צו זיך אין קיך.
נאָר, פאַרשטייט זיך, דורך דער טיר, ווי אַ לייטישן מענטשן. זאָלן שכיי־
נים נישט האָבן וואָס צו ריידן. און געדענק... דו און דיין מאַמע זיינען
פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך, ווי פאַר זיך אַליין!

— ווי סאַר זיך אַליין, מיין טייערע פאַני! — האָט איר פאַרשוויצט
פּאָנעם אויפגעשיינט פון טיינעג, בעיים די אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט
פון טרערן... וואָס פאַר אַ טרערן זיינען דאָס געווען? זי האָט זיך זיכער
געפילט באַליידיקט פון דער „פאַנים" לעצטער באַוואָרעניש, נאָר די
באַליידיקונג האָט זי פאַרשטעקט אין בוזעם צוזאַמען מיטן קרוציפיקסל.
און באַלד איז זי אַריין אין קעלבערנער היספּיילעס, געקושט די הענט־
לעך פון דער „האַרציקער פאַני" און אַזש טאַנצן אָנגעהויבן פאַר פרייד.
דעם גאַנצן טאָג האָט זי דעמאָלט געאַרבעט, געטאַנצט און אָנגעפילט
די קיך מיט געזאַנג, ווי אַ רועך וואָלט זי פאַר דער כופּע געשלייערט...
זי האָט אים, ווייזט אויס, שטאַרק ליב געהאַט, דעם סטאַכן, וועלכער
איז שפּעטער אומגעקומען אין וועסטערפּלאַטע.

איז אָט געקומען אַ צייט, ווען אַנאַסטאַזיאַ מיט איר אַלטער מאַ־
מע, די שוסטערקע יאַדוויגאַ, האָבן איר ערלעך אָפּגעדינט פאַר איר בעַ־
סעד — דעמאָלט, ווען די פאַרשקלאַפער האָבן אַלע ייִדישע „פאַנים"
געמאַכט אויס „פאַנים", אויס מענטשן, און געלאָזן זיי צייטווייליק פאַר־
בלייבן בלויז „יודינס", קעדיי זיי זאָלן אַף זיך די שאַנדלאַטע טראָגן;

דעמאָלט ווען ס'איז אַ פאַרברעכן געווען פאַר מענטשן מיט זיי אין באַ-רירונג צו קומען, ווי מיט פאַרשאָלטענע קרעציקע.

...גלייך אין די ערשטע כאַדאָשים האָט אַנאַסטאַזיאַ, אין שוואַרצן טרויער נאָך סטאַכן, נישט איינמאָל ריזיקירט צו קומען אין יידישן געטאָ, אַריינכאַפּן זיך צו זיי אין שטוב און צוהעלפן אין דער ווירטשאַפט, משטיינסגעזאָגט, אַ ווירטשאַפט! דאָס ביסל וועש אירם און דער שוועגערינס... און פריידקע איז דאָך אַנאַסטאַזיאַן אינגאַנצן אַ פרעמדע געווען! פונדעסטוועגן...

כאָטש אַנאַסטאַזיאַ האָט קיין לידער קיינמאָל נישט געלייענט. קוים פּוילישע איוורע געקענט. אַ נאַרישעוואַטע מויד. און עפּשער... איז זי גאָר די קלוגע געווען, ווי ערן האָט אַמאָל פאַרטייטשט אַ פּאָסעק פאַר די קינדער:

— די קלוגשאַפט פונעם אָרעמאַן איז פאַראַכטעט.

— ג. —

דער צוג טוט זיך אַ קער, אַ צעשאָקל און אַ ציי זיך אויס אין אַ נייער ריכטונג. מ'האָט אים איבערגעשלאָסן אויף אַ צווייטער ליניע. טוט זיך דאָ אויך כאַיעלע שייפערס ראַיען. אַ שלים איבער פון אַנאַסטאַזיאַן אויף פריידקען, דעם מאַנס שוועסטער, די אַקאָרע:

...די מילכאָמע-טעג אין ניין און דרייסיקסטן יאָר, מ'איז נאָך אַלע צוזאַמען — דאָס גאַנצע הויזגעזינד. בלויז איין אַנאַסטאַזיע פעלט. מ'האָט זי רעדוצירט: זאָל זיין וויניקער מיט אַ מויל צום עסן. אירע אויגן זיינען רויט, אָנגעדראָלן ארום — באַוויינט, ווען קיינער זעט נישט, איר סטאַכן. געגוג איינענע טרערן.

אויפן דריטן טאָג איז אָנשטאָט איר געקומען פריידקע, די שוועגערין. אין איר וווינונג איז געפאַלן אַ באָמבע. נאָר זי האָט באַוויזן אַרונטערצוקריכן אונטערן בעט און דאָס האָט זי געראַטעוועט. דאָס בעט האָט פאַרהאַלטן דעם גרוז. דערנאָך איז זי אַפּערגעקראָכן אינדרויסן מיט אַ געלעכטער און געקומען צום ברודער.

— מיין מעשוגענער — האָט זי געדערט ווענן איר מאַן: איז נאָך נעכטן אינדערפרי אַנטלאָפן אויף גזשיבאָוו צו טאַטע-מאַמע, זיך באַהאַלטן פאַר די באָמבעס און פאַרן ווייב. אַ נאַר איז אַ גאַנצער גזאַר און אַ האַלבער נאַווי. אַ מעשוגענער איז אויך אַ גאַנצער נאַווי. מיילע דאָס

קוייל וועט אים נישט נאָכלויפן און וועט אים נישט טרעפן; די באָמבעס — ווייס איך נישט. וואָס זשע וועל איך דאָרטן אויסזיצן אַליין, ווי אַ קוואָקע אַף די שטיינער אין דער האַלבער כורווע?

...די שוואַרצע אָנפליען הערן נישט אויף. מע האַלט קעסיידער די געשאָמע אין די ציטערדיקע הענט. אַרן, אַ פאַרוואַקסענער און נישט־געראַזירטער, ליגט אויסגעצויגן נאַזנדיק אַף דער אָטאָמאַנע, אין דער ביט פאַרשפּילעטער ברוינער פּיזשאַמע. מיט באָרוועסע פיס, אַזוי גלייך ווי ער איז אינדערפרי פון געלעגער אַראָפּ. ער איז דורכגעזאַפּט מיט בייזקייט און אָנגענאָדלט, ווי אַ יאָזש, כאָטש ער בייזערט זיך נישט אַף קיינעם. ראַק ער בייסט די נעגל און קוקט אין סופיט אַריין, די קינדער, דענערווירטע, צערייצטע, האַלטן אין איין לויפן צו די פענצטער און פון זיי. אַף דעם קליינעם שטיקל הימל, וואָס מע קאָן פונדאַנען זען, באַווייזט זיך אַמאָל אַן עראָפּלאַן און עס דאַכט זיך: באַלד וועט ער נעמען שיסן גלייך אין די פענצטער אַריין. פאַליק, דער עלטסטער, לויפט אָפּט אַראָפּ אפן הויף און קומט צוריק מיט נייסן. אַרן פאַרווערט עס אים נישט, האָט זי, די מאַמע, מוירע אים אַ וואָרט צו זאָגן, כאָטש יעדעס מאָל אַנטפאַלט איר דאָס האַרץ: אַ קינד זאָל נאָר לויפן דעם טויט אַנטקעגן! איר, דער באַלעבאָסטע, הייבן זיך נישט די הענט, נישט נאָר דעם מיטיק אָפּצוקאָכן, נאָר אַפילע נישט די שטוב אויסצובאַרשטן. אַ נישט־פאַרקעמטע, איז זי אויך דעם גאַנצן טאָג אין דער פּיזשאַמע און אין די שטעקשיך, ווי אַף דער דאַטשע, פונוואַנען זי איז מיט די קינדער געקומען צולויפן דעם צווייטן טאָג פון דער מילכאָמע. די שטוב איז דורכגעוועבט מיט מאָרעשכוירע און איבערן דאַך הענגט, שוועבנדיק מיט דראָענדיקע פליגל און אָט־אָט פאַרטשעפּענדיק די אַנטענעס, דער טויט.

...אָן אויסנאָם איז בלויז פריידקע. אַנשטאָט מיט קינדער, איז זי באַשענקט געוואָרן מיט אַ לייביקן פולן קערפּער און לויטערן געזיכט, מיט אַ פריידיק געמיט און געבענטשטע נאַטור צו לאַכן אַפילע אין די ערגסטע באַדינגונגען פון לעבן. זי איז איצט אין שטוב די באַלעבאָסטע און דאָס דינסטמיידל גלייכצייטיק. אָנגעטאָן און פאַרקעמט, צוגעפּודערט אַפילע (נאָר די ליפּן־פאַרב גייט איר אָפּ!), האַלט זי ריין די שטוב, טוט אָפּ אַלע אַרבעטן אין קיך און — רעדט, זינגט זיך אונטער, זאָגט אַ גלייכווערטל, מאַכט לאַכנדיק און לאַכט אַליין מיט.

— שווענערן טייערע, כאַיעלע גאָלדענע! — לויפט זי צו צו איר אין סאַמע מיטן דער אַרבעט, האַלדזט זי אַרום און קושט זי געדיכט: דיין אַראָפּגעלאָזט נעזל וועט דאָך אַף דער פֿאָדלאָגע אינגאַנצן פֿאַרלוירן גיין. מייז זיינען דאָ אין שטוב — אַ שרעק!

— דו, מיין ברודערל — אַף דיר האָב איך זיך אוואַדע נישט גע־ריכט. אַ מאַנספערשוין! פֿע! ליגט זיך אַף דער אָטאָמאַנקע ברויגעז אַף דער גאָרער וועלט, דאָס פּאָנעם בייז-פֿאַרפּלאָמט, אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק אַף פֿייסעך פֿאַר דער שכיטע. אַלע נעגל האָסטו שוין, דאַכט זיך, אויפגעגריזשעט, און ווייסט נישט האָבן מיט וואָס זיך אַ קראַץ צו טאָן...

און אַז אַף אַרנס באַרדיקער פֿאַרוואַקסנקייט הייבט אָן אַרומקריכן, ווי אַ גאָלדן מיקל, אַ שמייכעלע, צעלאַכט זי זיך מיט גרוים טיינעג:

— האָלדער — האָלדער — האָלדער!

אַלע שיסן אויס אַ געלעכטער און מע פֿאַרגעסט אַביסל די געהאַק־טע ווונדן.

— שווענערן האַרציקע, מיר כאַלעשט דאָס פּיצינקע הערצעלע, קאָל־זמאַן מען לעבט דאַרף מען אונטערהאַלטן די קויכעס. מימאָנעפּשאָך, אויב עסן אויך נישט, וואָס זשע לוינט זיך שוין גאָר צו לעבן אַף אַזאַ וועלט? הא — הא!... דער אַלאַרם האָט פֿאַרשפּעטיקט. ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן. עס קאָכט אין הימל דער דייטשישער סאַמאָוואַר. אַ דריי אויף דעם קראַן און מיר זיינען דאָ אַלע אָפּגעפּאַרעט, ווי די ראַקעס... נו, ס'איז אַ דאַנקען גאָט, ווידער שטילער געוואָרן... און אַז מע קומט אַף יענער וועלט אָפּן ניכטערנעם, האָט מען, אַ סוואָרע, דאָרט נישט קיין וואָזשנעם קאַבאַלעם פּאָנעם. גאָט האָט פֿיינט ליידיקע מאָגנס. גיב, כאַיעלע, וועל איך עפּעס אָפּקאָכן.

קאָכט זי, באַקט זי און מע לענט אונטער דאָס האַרץ און מע ווערט געשטאַרקטער און הייטערער. כאָטש מען פֿאַרגינט נישט זיך אַליין דאָס עסן: אַף ווי לאַנג וועט עס קלעקן? און נישט איינמאָל בלייבט דער ביסן שטעקן אין האַלדז, ווי אַ קנאָכיקער פֿויסט — לופֿט-אַלאַרם!

...אַף וואַרשע רוקט זיך אָן איימע־געשפּענסט — הונגער. וואַר־שע האָט אַ ריזיקן מאָגן און קיין שפּייז ווערט היינט פֿון דער סוויווע נישט צוגעפֿירט. פֿון קריגן עפּעס צו קויפֿן אין גאַס איז אָפּגערעדט. דאָס קאָנען זיך פֿאַרגינען בלויז מאַגנאַטן. נאָר יענע האָבן, אַ סוואָרע,

פון לאַנג אָפּגעצויגן. אין הייזער פון אָרעמען אוילעם הונגערט מען שוין באַצייטנס. דאָ, בײַ די שייפערס, לעבט מען דערווייל פון די צוגרייטע זאַפּאַסן און פון די שיראַיִם פון פריידיקעם שפּייז־געוועלבל. נאָר פון טאָג צו טאָג גייט אַלץ איין פאַר די אויגן, ווי אַ לעצט ביסל נאַפט אין אַ נאַפט־לאָמפּ אַף אַ טישל לעם אַ כוילע־מעסוקן; אָט־אָט וועט דער קנויט נעמען רייכערן און טשאַדען און נאָכהער — טוק! פינצטער, אויסגעלאָשן אַלץ: דער קנויט אין לאָמפּ, די נעשאָמע אינעם גויסעס.

דאָס האַרץ גייט איין, בעיים די אויגן קוקן אַריין אינעם בופעט, וואָס ווערט אַלץ ליידיקער און ליידיקער. זעקעלעך, שקאָרמיצלעך און פּודעלעך, אויסגעליידיקטע פון פּראָדוקטן, ליגן איינגעקאָרטשעט, צעוויטיקט, ווי זיי וואָלטן אַליין הונגעריק זיין; איז ווי קאָנען זיי שפּייזן אַנדערע?

מען הייבט אָן נישט דערעסן. דער אַפּעטיט, וואָס נאָגט, ווי אַ וואָרעם, אונטערן האַרץ, צעוואַקסט זיך אין אַ פרעסנדיק געשווילעכץ איבערן גאַנצן לייב. צייטנווייז כאַפּט זיך שוין אַפילע נישט אויף דער פּאַכעד פאַר געהאַרגעט ווערן פון אַ באָמבע: דער גאַנצער נעפעש איז אַדורכגעפּלאַטערט מיטן פּאַכעד פאַרן לאַנגזאַמען הונגער־טויט. אַ באָמבע וועט גאָר זיין עפּשער אָן אויסלייזונג.

מע רעדט נישט וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר וועגן עסן, ווי הונגעריקע בעהיימעס, ווען זיי וואָלטן נישט געווען קיין שטומע ציינגער. און אַז מען מאַכט זיך עס קלאָר אַמאָל, אין אַ זאַטער מינוט, רופט עס אָרן אָן: מאַלעגיירעץ אַפן ניכטערן.

מע הונגערט אונטער. מע הונגערט. אַפילע פריידיקעם מויל איז שוין געשלאָסן. די וואַסערלייטונג איז קאַליע — נישטאָ קיין וואַסער. וואַרשע איז כאָרעוו וועניכרעוו. דער גאַזלען פאַרנעמט די שטאָט. דער הימל איז אַ ליידיקער, אַ שטומער און דראָט מער נישט מיט קיין באָמבעס. די גאַסן זיינען פריי. מען קאָן שוין ענדלעך לויפן אָן סאַקאָנעס־נעפאָשעס נאָך וואַסער צו דער ווייסל. לאָזט זיך אויס — פאַר יעדן איז אַהין דער צוגאַנג פאַרבאָטן. יעדן קומען פון דאָרט צוריק מיט ליידיקע עמערס, מיט ליידיקע הערצער און ליידיקע שאַרבנס. ווי זשע וועט מען לעבן אַף דער וועלט? פּאַליק דערפאַר שפּילט אַ שייגעץ און קערט זיך שטענדיק אום מיט פולן.

די דייטשישע קיכן טיילן דער הונגעריקער באפעלקערונג ברויט, זופּקעס, אָבער — אויסשליסלעך פּאַליאַקן. אַ ייד קען באַצאָלן פאַר אַ ברויט מיטן קאָפּ. דאָס ברויט אויף דער דלאָניע — ווי אַ זון, דער קאָפּ — פון די אַקסל, ווי אַ שטיין. מע הערט אַזעלכע פאַלן. בעסאַד פאַר פריידקען ווייס מען, אַז מיט איר מעשוגענעם מאַן איז אַזוי געשען.

...און — ווײ-ווײ, סאַראַ פרייד אַ גרויסע! — פאַליק האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנץ דייטשיש ברויט. צוויי שאָ איז ער געשטאַנען אין דער ריי און קיין איין פּאַליאַק אַפילע האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ער איז אַ יידיש יינגל. זי, די מאַמע האָט דאָ קעסיידער געגרויזלט פאַר דער סאַקאָנע, אין וועלכער עס שטייט איר בכאָר, נאָר פריידקע האָט שוין געהאַט צו זיך געקומען. זי האָט זיך שוין אַפילע אַ ווײצל געטאָן מיט אַ שמייכל:

— פאַליקס פּאָנעם איז אַ גוטע מאַרקע. אַ פּוילישע מאַרקע. ער איז נישט געראָטן אין קיינעם פון אונדזערע זיידעס, נישט פון טאַטנס צאַד און נישט פון דער מאַמעס צאַד. כאָטש אַ „פענעצל" האָט ער דאַווקע אַן איידלס, ווי אַ סובאַרל פון ווייסער כאַלע.

פאַליק איז טאַקע געוואָרן די גוטע פּוילישע מאַרקע פון דער שלעכטער יידישער פירמע שייפער. ער איז געוואָרן אין דער ביטערער צייט דער שטוב-אויסהאַלטער, דער פּאַרנאָסע-געבער. ווי שטאָלץ ער פלעגט זיין בעיים ער האָט „אָפּגעגעבן דעם באַריכט" דעם טאַטן... פון אַ קינד איז ער פאַראַמאָל אַ דערוואַקסענער געוואָרן. ווי אַ דערוואַקסענעם, האָט אים אָרן אויסגעהערט.

...פאַראַמאָל טוט פאַליק אַ פאַל אַריין, אַן דעם היטל, צעשויבערט, פאַרשטויבט, דאָס פּאָנעם — פייער, די גרויע אויגן — אָנגעצונדענע קינען און סאָפּעט, פאָכעט מיט היץ. אין זיין זיגעריש-אויסגעשטרעקטער האַנט — אַ היפּשער ביילעק רוי פלייש. פלייש? איצטער פלייש? ווו האָט ער עס באַקומען: ער האָט עס אַליין אָפּגעשניטן פונעם פערד, וואָס איז נאָך אַלץ נישט אַוועקגערוימט פון מיטן גאַס. הינט האָבן זיך אָנגעהויבן נעמען פאַר דעם. איצט שלאָגן זיך אַרום דעם מענטשן. מען האָט עס שוין באַלד אינגאַנצן צעטרייבערט.

איר, כאַיעלען, דאַכט זיך דעמאָלט צו שפּירן דעם רייעך פון נעווײלע. זי וואָלט זיך מיטן קעגנגאַז-טאַמפּאָן די נאָז פאַרשטעלט. עס

געווערט איר נישט גוט אזש ביז כאַלאָשעס. זי וויל זיך אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ מיט א געוואַלד און זיך צעיאָמערן וויסט און פינצטער. נאָר פריידקעס אויפגעשיינט-צעלאַכט פּאָנעם מאַכט עס צונישט מיט א גלייכווערטל:

— א פערד וועט זיין דער, וואָס וועט דאָס פערד נישט עסן.

און זי מאַכט נישט קיין שיעס:

— איך מאַך קאָשער דאָס פליש און טרייף א טאָפּ. דער ריבוינע של אוילעם וועט מויכל זיין. ס'איז סאַקאָנעס נעפאָשעס.

זי איז מיט דער „נעוויילע" אַליין אין קיך. מע וואַרט מיט פאַרצוויקטע, כאַלשנדיקע הערצער. די פיבערנדיקע אויגן פון די קינדער שפּיזן דורך די וואַנט אין קיך אריין. אַרן קוקט אַלעמאָל ביגנייווע אַפּן האַנטזייגער. אפילע ער! און מען קאָן זיך נישט דערוואַרטן. עס גרימט אין בויך. עס בייסט אזש פון אומגעדולד און נייגיר. וואָס געדויערט עס אזוי לאַנג? ווען וועט עס שוין אַמאָל פאַרטיק ווערן? איין פאַליק בלויז האַלט זיך ווירדיק, ווי עס שטייט אָן דעם עלטסטן זון אין שטוב, וואָס פאַרזאָרגט דאָס הויזגעזינט מיט פליש, אפילע בעיים א הונגער. שעפּטל מיט יאַנקלען לויפן אַלעמאָל אין קיך אריין צו דער מומע פריידקע, געזואָר ווערן, ווי האַלט עס דאָרטן מיטן „מיטאָג". שעפּטלען, דעם שטאַרקסטן עסער אין שטוב, אין דער איצטיקער צייט דער טאָמיד הונגעריקסטער, הענגט נאָכלאַזיק אַראָפּ די אונטערשטע ליפּ און גייט אָפּ מיט סלינע. ער קומט פון קיך מיט א בעדיימעוואַטן פּאָנעם און פריילעכער בסורע:

— די מומע זאָגט, סע קאָכט זיך שווער. זי זשאַלעוועט אָן איבעריקע קויל צוצולייגן. נאָר שוין באַלד, באַלד.

אָבער אויך דער באַלד ציט זיך אויס, ווי א שטיק הארטע גומע און שרומפּט זיך צוריק איין. ווי לאַנג ער איז דער באַלד! די מומע פריידקע איז אין קיך מיטן גוף, זיי אַלע — מיט די נעשאָמעס. אויך זי, כאַיעלע, ווייס, אַז זי וועט זיך „וואַרגן" מיט דער „נעוויילע", אָבער אַראָפּשלינגען וועט זי. נישטאָ היינט קיין בראָק פאַרן מאָגן.

— וויאַ-אַ-אַ! — ווערן זיי פּלוצים נישטוימעס פון פריידקעס הייטער קאָל אין קיך.

— צי איז זי נישט דאָרט אַליין מיט דער נעוויילע, פון זינען

אראָפּ, פריידקעֶ?... — טוט זי כאַפּלע, א שטעל אָן אין דער שרעק גלעֶ-זערנע אויגן אַף אַרענען.

אַף פריידקען, דער אַקאָרע, וואָס איר מאַן איז בעעמעס אַ שטיק מעשוגענער געוועזן און זי אַליין לײַדט אויך שוין יאָרן פון עפּעס אַזאַ מין שוואַרצער פּאַליקע כּאַלאַס, — קאָן מען זיך עס זייער שיין ריכטן. נאָר אָרן, שטענדיק אַן איינגעהאַלטענער, באַדאַכטער און קלוגער, שטויסט זיך גלייך אָן, נעמט אַרויס די אומבעראַכמאַנעסדיק-אויסגענאָג-טע נעגל פון צווישן די ציין און גיט אַ פּיירעש:

— ס'איז גאָרנישט. קאָנסט נישט פריידקען? זי טרייבט אָן דאָס פערד, ס'זאָל גיכער איינפאָרן — פּאַרטיק ווערן.

די קינדער שיסן אויס אַ געלעכטער, אַ דורכגעביטערטס און פּייכטס פון איינגעהאַלטענעם געוויין.

— הערט אויף מונטערן די מומע! — האַלט אָרן איין שעפּטלען מיט יאַנקעלען מיט אַ בייזן טאָן, פאַרווייכנדיק אים מיט אַ ביטערן שמייכל: קאַלזמאַן זי וויאָקעט דאָרט, איז דער בעסטער סימן — די נעווײַלע האָט זי „נאַטערדעוועט".

די קינדער פאַרהאַלטן זיך, בלייבן אַף די ערטער און שלינגען די סלינע. עס זאַפּט זיך אַריין אַהער דער געשמאַקער קיצלדיקער רייעך פון געקאָכטן פלייש. דאָס וואַרטן ווערט אַנגעשטרענגטער, נאָר הייטע-רער. די מאָגנס קוויקן זיך מיטן מעכאַיעדיקן שמעק וואָס וועקט אין זיי דעם הונגער נאָך שטאַרקער. דער מומעס וויאָקען, וואָס כאַזערט זיך נישט איינמאָל איבער, מונטערט און שטאַרקט. ביז ווידער אומגעריכט:

— טפּר־ר־ר!

— פּאַרטיק! — פאַרטייטשט אָרן דאָס, וואָס אַלע פאַרשטייען שוין און הייבט זיך אויף פון דער אַטאַמאַנקע: גייט העלפן דער מומען דער-לאַנגען צום טיש. מיר גייען פּראַוועון די שאַבעסדיקע סודע. וואָלסטו, פּאַליק, געווען נעכטן פאַלן אַף דעם פערדישן סייכל, וואָלטן מיר דאָך היינט געגעסן טשאָלנט קעדיין וועקעדאָס.

— העי, אַ וואָרע! מאַכט אַ וואָרע! — טראָגט פריידקע אַריין די ערשטע קאָביקע שיסל יויך און דורך דער פאָרע גלאַנצט איר באַרוישט צעלאַכט פּאָנעם: יידן, מעשיעכס פערדל איז געקומען צופאָרן! עס פאַר-שמעקט די שטוב מיט! רייעך-ניכויעך! — — — — — — — — — — —

כאיעלע שייפער צעשמייכלט זיך נאך איצטער אין דער פינצטער־ניש פון איר איינגעגראבנקייט אין די בייניקע עלנבויגנס. וויפל לאנגע כאדאשים האט זי שוין קיין שמייכל נישט געטאן!

...יא ס'האט זיך אויסגעדאכט — ווי וואונדערלעך דאס זאל נישט אויסזען — און נישט איינמאל האט זי וועגן דעם מיט ארעגען זיך אי־בערגעווארפן מיט קורצע באמערקונגען (קיין שמועסן פלעגן זיך דעמאלט צווישן זיי נישט קלייען): די איימעדיק־גרויזאמע איבערלעבענישן האבן אף פריידקעס געזונט־צושטאנד געווירקט דאווקע צום בעסערן, היילנ־דיק זי. ווי זי וואלט פון איר שווארצער קראנקייט גענעזן געווארן. פאר דער גאנצער צייט פון ערעוו דער מילכאמע פון די מילכאמע־וואכן און פון די הונגער־טעג האט זיך בא איר די פאליקע נישט איבערגעכאזערט!

יא. אפילע נישט שפעטער, בעיים די הארצרייסנדיקע געזעגענונ־גען מיט ארעגען, מיט די קינדער. פיר געזעגענונגען — פיר מאל בלוט־אפצאפעניש. יעדע געזעגענונג האט א שטיק הארץ אפגעריסן, א שטיק נעשאמע אויסגעפליקט און זי, פריידקע, האט אפילע דעמאלט מוט גע־האט א גלייכווערטל צו זאגן. האט זי בלויז געקאנט אזוי אן אנשטעל מאכן? ווי קאן מען דאס? וואס איז פארגעקומען אין פריידקעס נעשא־מע? ווער קאן טרעפן! איר לעצטער נאכגעשריי דעם ברודער, וואס זי האט אזוי ליב געהאט, איז געוועזן:

— נא... די שאנד־לאטע פארגעס נישט, ברודערל, מיטצונעמען, ווען דו וועסט שוין, מירצעשעם אף יענער זייט בוג זיין, זאלסטו זי, לע־קאוועד היטלערן, אויסנוצן צום זעלבן, וואס דער פארע מיילעך מיצ־ראים בא דעם נילוס.

— ד. —

כאיעלע שייפער הייבט אויף דעם פארשלאפענעם קאפ, נאכצו־קוקן ווי איר ארן גייט צום לעצטן מאל אוועק... נאר איר בליק ווערט פארבלענדט פון דער עלעקטרישער שיין, וואס פילט אן איבעריק און זינ־לאז דעם קופע. דאס געזעמל פאסאזשירן, פרעמדע געשטאלטן און פע־נעמער, שלאפן, אטעמען און כראפען, און פערזענלעך זיינען זיי נישטא. ווער זשע דארף זי דא, די ליכט? זי אוואדע נישט. זי דרייט אוים דעם

קאָפּ צו דעם שוואַרצן טאָוול פון דער שויב (דאָס פענצטער איז פאַר־מאַכט) און זעט דאָרט דעם קופּע אין אָפּבילד. זי נייגט צו נענטער דעם קאָפּ. אַ טיף־טונקעלע נאַכט, געבלימלט דאָ און דאָרט אין אירע טיפע־נישן מיט אומרויִקע פייערלעך, לויפט נאָך, אַנטלויפט און דרייט זיך אַ קאַראַהאָד, אַרום דעם לויפנדיקן צוג מיט געשפּענסטערישע ביימער און וועלדער... געשפּענסטער... צי דרייט זיך איר אַזוי דער קאָפּ? און וואָס שווינדלט עס אַזוי פאַר די אויגן? אַהאַ! — כאַפּט זי זיך: זי האָט פריער איבערגעלעבט הונגער נישט בלויז אין דימיען. זי האָט דאָך נאָך היינט קימאַט אין מויל נישט געהאַט. עס נאָגט אַזוי דאָס האַרץ, נאָגט. נעמט זי אַרויס פון קוישל אַ ריבל, נעמט עס קייען, קייען, און פאַרגייט זיך פון טיינעג אַזוי אַז: אָדער זי טראַכט ערשט ביכלאַל נישט, אָדער אירע טראַכטענישן לויפן פאַרביי דער אויפמערקזאַמקייט פון איר באַוווּסט־זיין, נישט ווערנדיק פון אים אויפגענומען. ערשט ווען זי לייגט אַריין אין מויל אַ שטיקל סוכאַר, וואָס לאָזט זיך נישט, נישט איינגריזשען און נישט זיך צעווייקן אין דער סלינע, הייבט זי ווידער אָן „טראַכטן אין דער הייך”. זי גראָבט זיך ווידער איין קאָפּ אין די עלנבויגן.

...און זי מיט פריידקען בלייבן אַליין. פולשטענדיק אַליין. אַפילע צו די שכיינים, צו די גאָלדהאַבערס, שמעקן זיי נישט אַריין. אַזוי גלייך ווי יענע נישט צו זיי. ווי מע וואָלט זיך, כאָלילע, צעקריגט און זיך סאָנים געוואָרן. און מע איז דאָך שוין היפּשע עטלעכע יאָר אין גוט־שכייִנישע באַציִונגען געשטאַנען. מע וואָלט זיך זיכער געווען באַפריינדעט אויך, ווען נישט דאָס יִדישקייט וואָלט שטערן: עלכאָנען גאָלדהאַבער איז נאָך צו אַ רעבן געפאָרן, און בא זיי אין שטוב, בא די שייפערס, איז שוין יאָנקיפּער קיין יאָנקיפּער נישט געווען. פאַר שכיינים וועסטו דאָך נישט אויסבאַהאַלטן, וואָס בא דיר אין טעפּל קאָכט זיך. ביפראַט, אַזביידע האַלטן דינסטמיידלעך, וואָס טראָגן אַלץ איבער. פונדעסטוועגן האָט זיי דאָס נישט געשטערט, ביז דער לעצטער צייט, גינציק צו פאַרהאַלטן זיך. נאָר גראָד איצט, דאַווקע איצט, ווען די פריינטשאַפט וואָלט דאַרפן זיך פאַרשטאַרקן, האָט זיך צווישן זיי ווי אַ דיקע וואַנט אַריינגעשטעלט, מע מיידט זיך קעגנזייטיק אויס. ס'איז זיי ווי אַ שאַנד אַפילע צופעליק זיך צו באַגעגענען מיט די אויגן דורך די קיך־שויבן, וואָס גייען אַרויס צו די גאָלדהאַבערס אַפן באַלקאָן... דורך דעם פענצ-

טער פלעגט דער פארליבטער סטאך „קריכן" אינמיטן דער נאכט צו אנאסטאזיען.

די וואנט האט זיך אוועקגעשטעלט צווישן זיי פון יענער שוידער־לעכער נאכט אן:

— — — פון די גאלדהאבערס וווינונג רייסן זיך דורך די וואנט מענערשע קוילעס און ווייבערשע קלאלעס. די גאלדהאבערס — ער, זי און דער זון. אט קוויטשעט אויך זייער צעניעריק באס־יעכידקעלע, די פוכלענקע סארטשעלע, וואס לערנט אין דער פרומער „ביים יאנקעוו"־שול. עס קנאלן דארט רעוואלווערן... איז דאס איז עס, הייסט עס, דער „נאכט־באזוך" פון די געשטאפא־באנדיטן! איר מיט פריידקען שוידערט עס אזש פון די בעטן ארויס. פון די קנאלערייען קלינגען די שויבן, און אין זייערע מיילער — די ציין. זיי לויפן אין קיך אריין זיך איינהערן. אריינלויפן אבער צו די גאלדהאבערס אין שטוב — ווער קריכט עס צו א בעסטיע אין אפענעם פיסק אריין! צוגעפאלן צו דער וואנט באם פענצטער, אריינגעטוליעט איינע אין דער אנדערער, באהעפט אין איין שוידער, ווארטן זיי אף זייער ריי. קאלטע אנגסטן שלאגן זיי ארויס אף דער הויט איבערן גאנצן לייב.

דערנאך — שטיל שוין דארט. זייערע הערצער שטעלן זיך אפ: אט־אט! אט־אט!.. ניין. די ראצכים האבן זייער טיר אויסגעמיטן. גייט מען צוריק אין די בעטן. און וואס איז דארט, בא די גאלדהאבערס? איז דארט ווער לעבן געבליבן? ווען ס'הייבט אן באגינען, לייגט מען ווידער צו אן אויער צו דער קיך־וואנט. נאר ס'ווערט גארנישט קלערער. ווען ס'איז שוין טאג אפילע, הייבן זיך נישט די פיס, אריינצוגיין אהין א קוק טאן. ווי מע וואלט זיך געפילט שולדיק דערין, וואס די באנדיטן האבן זיי, די גאלדהאבערס, און נישט די שייפערס, „וויזיטירט". ערשט ווען ס'איז שוין גרויסער טאג, און מע זעט דורכן פענצטער, אז די גאלד־האבערס — פארבאנדאזשירט און פארפינצטערט, אבער דאך לעבן זיי! — טוען זיך די הערצער א ריס, אריינצולויפן צו זיי מיט פרייד. אבער עפעס א קינדישע שעמעוודיקייט האמעוועט דעם גאנג. די שעמעוודי־קייט פון אן ערלעכן מענטשן, וואס האט, האגאס געצווונגענערהייט, דאך פאראטן זיין באוועך... דערנאך פויזעט אוועק א טאג נאך א טאג, און דער הונגער קומט מיט גרויסע שפרייזן. ווי גייט מען דאס אריין צו

שכיינים אין אזא צייט? אויב בא זיי איז יאָ פאַראַן מיט וואָס דאָס לעבן צו דערהאַלטן, וועט דאָך אויסקומען: אָט צוליב וואָס מע האָט עס ערשט אַריינגעשמעקט! פריער — נישט, איצט — יאָ. און אין דער עמעסן?.. דאָס לעבן איז אינגאַנצן אויסגעהוילט פון אינטערעס פאַר „פרעמדע", און פרעמד איז אַלץ, וואָס איז נישט „איך". מ'איז אינגאַנצן פאַרטרוד און פאַרשלונגען פון דעם איינעם כאַיעשן דראַנג — שטילן דאָס הונגער-גאַנגעניש. מ'איז פאַרוואַנדלט אין אַ דורכוויסיקן מאָגן, אין אַ ליידיקן דורשטיקן און הונגעריקן מאָגן. דער מאָגן — דאָס איז דער מענטש.

...אַפילע זי און פריידקע שמועסן ווייניק צווישן זיך. און ווען יאָ, איז ווידער אָדער וועגן דעם הונגער, וועגן דעם עסן און טרינקען, וואָס איז היינט נישטאָ, אָדער וועגן די שפּייזן און געריכטן, געטראַנקען, זים-קייטן און נאַשערייען, וואָס זיינען אַמאָל-אַמאָל געווען אַזוי פיל. דאָס איז אַזאַ מין... אַזאַ פסיכיש מאַלעגיירען, וואָס רופט אַרויס גרימעניש אין בויך, וואַסערדיקע סלינע אין מויל, און אי סע פייניקט, אי סע פאַר-שאַפט האַנאָע און אַפילע טיינעג.

ווען פון אַרענע, וועלכער האָט זיך באַזעצט מיט די קינדער אין ראָוונע בא איר שוועסטער, זעלדען, הייבן אָן אָנצוקומען שפּייז-פּעק-לעך, מע דערכאַפּט זיך דאָס כּיעס און מע קומט ביסלעכווייז צו די קוי-כעס, — באַהאַלט מען זיך שוין אוים פאַר די גאַלדהאַבערס מיט דער בעפיירעשער קאַוואָנע: ווער ווייס, אין וואָס פאַראַ לאַגע זיי געפינען זיך? זיי האָבן, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט דערמאָנט, זיי זאָלן האָבן קרויווים אין סאָוועטנלאַנד. אַנטלאָפן אַהין איז פון זיי קיינער נישט, אַפילע נישט דער בען-יאָכיד, דער ריז, וואָס האָט אַ וואָך פאַר דער מיל-כאָמע כאַסענע געהאַט... צי ווייל מע האָט קיין האַרץ נישט געהאַט צו צעשיידן דאָס יונגע פאָרפאָלק אינמיטן האָניק-כוידעש, צי ווייל דער רעבע האָט פאַרזאָגט דעם אַלטן גאָלדהאַבער: מיט אַ יִידן איז גאָט או־מעטום, אויב ער האָט נאָר עמונע אין אים. וווּהין קאָן מען און צו וואָס דאַרף מען פאַר אים אַנטלויפן. נאַרישע יִידן מיינען, זיי אַנטלויפן פאַרן דייטש — פאַרן ריבוינע שעל אוילעמס צאָרן אַנטלויפן זיי, די שוטים... איז קיין הילף קומט זיי, די גאָלדהאַבערס, פון ערגעץ נישט אָן, סיידן מען וואַרפט זיי פון דער סטעליע אַראָפּ אין רעבנס זכוס. קאָן זיין — זיי גייען אוים פאַר הונגער. אַז עמעץ פון זיי שלייכט אַמאָל פאַרביי

דעם פענצטער, איז עס אַ שאָטן. פון דעם זון, דעם דעמב, איז אַ שפּאָן געוואָרן. אַז מאַלקעלע גאָלדהאַבער (דער מאַמעס האַרץ וועט נישט אויס־האַלטן דעם ניסאָיען) וועט אַ בעט טאָן אַ ציגעלע צוקער, איין איינציק ציגעלע צוקער, פאַרן קינדס וועגן, פאַר סאַרטשעלען, און סאַרטשעלע (ווי לאַנג איז, אַז איר פּענעמל איז לויטער און פּוכקע געווען, ווי אַ פּאַמ־פּעשקע!) וועט אונטערהאַלטן דער מאַמעס באַקאָשע מיט צוויי פיבער־דיקע אויגן, וואָס וואַרטן, וואַרטן, — איז ווי וועט מען דאָס נעמען אַ האַרץ אָפּצוזאָגן?! און פונדעסטוועגן וועט מען שטאַמלען: — אוי־וויי! פאַרוואָס האָט זיך מאַלקעלע פריער נישט געכאַפּט? גראָד היינט איז דאָס לעצטע שטיקל צוקער אויסגעגאַנגען. — וואָרן אַליין איז מען דען באַוואָרנט מיט אַ זוייטערן פּעקל?..

פריידקע איז צוריק פריידקע געוואָרן. אויב ס'האָט זיך איר נישט אומגעקערט די פולע לייביקייט פון גוף, איז — די פולע פריידיקייט פון געמיט. ס'האָט זיך ווידער געעפנט אין איר דער קוואַל פון גלייכוועדט־לעך, וואָס דער הונגער האָט אים שוין געהאַט פאַרשטאָפּט.

— אַז מיין טייער קלוג ברודערל איז אַ באָלשעוויק געוואָרן, זיי־נען מ י ר אַלע באָלשעוויקעס געוואָרן ברידער. אָך, גאָטעניו, ווי דערלעבט מען שוין (זאָל זיין נאַקעט און באָרוועס), אָנצוקומען צו די באָרוועסע ברידער! ווען איך וואָלט געקאָנט אַהין כאָטש אַף אַלע פיר דערקריכן. ווי אַ כאַיע זאָל זיין, טייער כאַיעלע! דאָרט וואָלט איך גלייך צוריק אַ מענטש געוואָרן. די קינדער ווערן דאָ מענטשן, — שרייבט אָרן. ס'איז דאָס שענסטע לאַנד, זאָג איך דיר, כאַיעלע. „נישט דאָס איז ליב, וואָס ס'איז שיין, נאָר דאָס איז שיין, וואָס ס'איז ליב"...

ווען נישט פריידקע, וואָלט זי, כאַיעלע, אין איינזאַמקייט, אָן מענ־טשן, אָן אַ צייטונג, אָן אַ ביכל — אינגאַנצן פאַרווילדעט געוואָרן. אָדער זי וואָלט פון קעסיידערדיקער, אַף אַ רעגע נישט־אָפּלאָזנדיקער בענק־שאַפט נאָך די אייגענע, פון אומאויפהערלעכן דערוואַרטן אַ דייטשישן „נאַכטוויזיט", פון שוואַרצער מאָרע־שכוירע — מעשוגע געוואָרן. איין פריידקע האָט זי באַם זינען דערהאַלטן. פריידקע און פרוגס לידער־בוך — דאָס איינציקע בוך („איר יוגנט"), וואָס זי האָט אָפּגעראַטעוועט פון דעם אויטאָ־דאַ־פע... פון פריידקעס הענט טאַקע, עס זאָל נישט אַוועק אונטער דער פּליטע מיטן פייער, ווי אַלע ספאָרים און ספּאָרים־

לעך, ביכלעך יִדישע, רוסישע און פּוילישע פון זייער שטוב־ביבליאָטעקל. דאָס בוך, אַ צעפּאַלפּערטס, אַ צעשונדנס און פאַרשמוציקטס בעקאַוואָנע (— זאָל עס נישט אויפריימן קיין בייז הינטיש אויג) — איז די איינציקע הייליקע שיימע, וואָס איז איר פאַרבליבן פון דער פריער אידעאַליסטישער יוגנט. פירט זי עס איצטער אינעם קוישל, כאָטש עס פאַרגרעסערט די סאַקאָנע. היינט אינדערפרי, לעמאָשל. נאָר איבערלאָזן עס איצטער דאָ אונטער דער באַנק איז איבער אירע קויכעס, נאָך מער ווי דאָרט אַף ריבאַצקאַ־גאַס באַ די האַרציקע איוויצקאַס. אינעם דאָזיקן בוך איז דאָך פאַרבאָרגן נישט בלויז די גאַנצע יוגנט אירע. וויפל אירע טרערן האָבן איינגעזאַפּט זיינע בלעטער פאַר איר כאַסענע, נ אָ ך איר, און אַזוי ביזן לעצטן טאָג. דאָס בוך, אין פּראַכט־באַנד, האָט זי מיידלווייז, אַ יונגע און פרישע, געבראַכט פון ראָוונע קיין וואַרשע, און איצטער פירט זי עס (זי מיטן בוך האָבן אויך איצט, פונקט ווי דעמלט, איין אויסזען...) צוריק פון וואַרשע קיין ראָוונע. נאָר דאָרטן זיינען איצטער...

פאַראַמאָל טוט אַ דרייגאָרנדיקער פייף פונעם לאָקאָמאָטיוו אַ צעמישע אירע ראַיוינעס. דער וואַגאָן טוט זיך אַ צעשאָקל, ווי וועלנדיק אָפּטרייסלען פון זיך די נאַכט און אויסקערן די געפילן, געדאַנקען און דערינערונגען פון אַ יִדישער פרוי, וואָס זיצט אין אים אַ פאַרמישפּעטע צום אומקום.

...זאָל זי זיך ראַטעווען, כאַיעלע שייפער! דאָס בוך פאַרוואַרפן! אַליין זיך צוריק פאַרוואַנדלען אין דער פּויליש־קאַטוילישער זקיינע, מאַריאַ איוויצקאַ! זי וויל זיך נישט גלייבן, אַז זי איז... זי? זאָל זי אַ קוק טאָן אין איר פּאַספּאָרט, וועט זי זיך רעכט איבערצייגן, אַז זי איז... מאַריאַ איוויצקאַ.

נאָר דאָס מאָל גיט זיך איר דער זעלבסט־היפּנאָז נישט איין. זי פאַרבלייבט ווייטער כאַיעלע שייפער און... זי וועט אומקומען! יאָ, זי ווייסט עס. זי פּאָרט דעם טויט אַנטקעגן. איז וואָס? אייביק לעבט קיינער נישט. איין גאָט... עפּשער. איר אַרן, אַ געוועזענער יעשיווע־באָכער, אַ קאַנדידאַט אַף אַ ראָוו, גלייבט נישט אין דעם. זי האָט שוין גענוג געלעבט (פינף און פערציק יאָר) און איבערגעלעבט. איבערגעלעבט אַזעלכעס, וואָס ס'איז גלייכער נישט צו לעבן, קעדיי דאָס נישט איבערצולעבן.

אײן זאַך גאַרט זי בלויז, אײן פאַרלאַנג מאַטערט איר פאַרוועלקט האַרץ: דערוויסן זיך, אַז אַרן מיט די קינדער זײַנען ווידער אַנטלאָפן, ווידער זיך געראַטעוועט אין דעם לאַנד, וווּ אַ ייִד איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט און קאָן דאָרט גלײַך ווערן אַ מוישעוו. זיי זײַנען דאָך שוין געווען סאָוועטישע בירגער, אַרן מיט די קינדער! אָדער (אויב זיי זײַנען, כאָלילע, פאַר־בליבן), נאָך טרעפן זיי צווישן די לעבעדיקע, פאַרייניקן זיך מיט זיי, פאַרבינדן זיך מיט זיי מיט גוף און נעשאָמע, און צוזאַמען גיין דעם טויט אַנטקעגן. אָן שרעק, ווי צו אָפּרו און מענוכע, וועט זי דעמאָלט פאַרמאַכן די אויגן אונטערן גלאַנציקן שאַרף פון אַ באַנדיטישן מעסער. — — — דער צוג בלײַבט שטיין. זי הייבט נישט אויף דעם קאָפּ. דער צוג רירט און לויפט ווייטער געשמיידיק אין וועג אַרײַן. ער טראָגט זי, טראָגט זי, ווי אַף פליגל צו אַרענען, פאַליקן, שעפּטלען און יאַנקעלען. צו זיי און... דעם טויט אַנטקעגן... דעם טויט אַנטקעגן...

— ה. —

— — — איז זי געשלאָפן, אָדער נישט? אויב יאָ, איז דאָס געווען אַזאַ מין פאַרשטיינערונג, וואָס גיט נישט קיין אויסרו דעם גוף און מאַכט נישט לויטערער דאָס געמיט. וווּ זשע האָט זיך איבערגעריסן דער פאָדעם פון איר ראַיען? יאָ. דעם טויט אַנטקעגן... דעם טויט אַנטקעגן...

ווען ס'הייבט זיך אָן די מילכאָמע צווישן דײַטש מיט די באָלשע־וויקעס, ווערט קלאָר, ס'הייסט, פינצטער: אַז איצט איז שוין געקומען דער סאָף! גאָרנישט וועט אים נישט דערווייטערן, קיינער וועט אים נישט אָפּווענדן, אוים שפּייז־פּעקלעך! קיין הילף פון אַרענען, פון די קינדער איז נישט צו דערוואַרטן. זיי זײַנען, עפּשער, אַליין אין קלעם, אין סאַ־קאָנע. און דאָ, מיט די אייגענע קויכעס, וועסטו איצט אַוואַדע גאָרנישט אויפטאָן. צוהאַנדלען? פּריידקע, די געוועזענע קרעמערן, וואָלט עס גע־קאָנט טאָן, נאָר ווו נעמט מען געלט דערויף? צווייטנס (וואָס פאַר אַ זין האָט גאָר דער ערשטנס!) — דער מאַלעכאַמאָוועס שפּאַצירט אַרום אין די גאַסן, קוקט און ווײַלט זיך אוים ייִדישע קאָרבאָנעס. אינדרויסן באַ־לעבאַטעוועט די האַק, אין שטוב — דער הונגער. אַף וועלכן פון די בײדע טויטן גיין? צו דער האַק דאַרף מען ווייניקסטנס אַ פּאָר טריט מאַכן,

כאָטש וועלכע ייִדישע שטוב איז נישט אַלע יעדע רעגע צו ווערן דרויסן. נאָר דער הונגער איז שוין אַפן אָרט, אין שטוב. ער האָט זיך צו דיר שוין געמאָלדן און זיך בא דיר איינגעקוואַרטירט. אַפילע די וואַנצן ווייסן שוין, אַז דיין לעבן איז אָן לייב, אָן בלוט און זאַפט, און לאָזן דיך צורו.

...דאָס הונגער־געשפּענסט. מיט פאַרלאָפענע פּיס, מיט אַן אויפגע־גאַנגענעם בויך, מיט גרויסע וואַסערדיקע טריבע אויגן, אַ פאַרוואָקסענער און אין איינעם העמד — גייט ער אַרום איבער די שטובן. ער זוכט אין אַלע ווינקעלעך און שפּאַרעס: אַ פאַרוואַלגערט שטיקל קאָרע פון לעכעם, אַ נישט פאַרקערט קערל פון אַ פּרוכט, אַ פאַרשימלט־פאַרטריקנטע שאָל פון אַ קאַרטאָפלע, אַ... פוי! ניין, ס'איז שוין קיין זאַך נישט פוי!... עפּ־שער וועט זיך געשמיידיק דורכשנירלען אַן אַכבאָר, וועט ער זיך אַ לאָז טאָן, דער הונגער, נאָך אים מיט אויסגעשטרעקטע קנאָכיקע הענט און צערעפּעטע לאַנגע פינגער. און אַז ער וועט אים בעדערעך־נעם כאַפּן, וועט ער אים מיט די פאַרוואָקסענע נעגל דערשטיקן, אָפּקאָכן און זשעדנע־באַ־טאַמט אויפפרעסן. אָבער די האָפנונג אַף אַ ליאַדע מייזל איז בלויז פאַנ־טאַזיע פון אויסגעטריקנטע געהירן: וואָס האָבן אומריינקייטן צו טאָן אין אַ שטוב, אַן אויסגעהוילטער און נאַקעטער, ווו עס הונגערן נישט נאָר די מענטשן אין איר, נישט בלויז די פּליטע אין קיך און דער בופעט אין עס־צימער, נאָר אויך, דאַכט זיך, די פּאָדלאָגע, די ווענט און דער סופּיט אַי־בערן קאָפּ! אַז אַפילע אינעם מיסט־קאַסטן אַפן הויף איז אַ מייזל זעלטן־זעלטן צו זען, האַגאַם אַלע קעץ, די אויסגעקראָכענע און אויסגעדאַבערטע, באַווייזן זיך מער נישט דאָרטן; די זון, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב צו פרעג־לען זיך אַף איר, צינדט איצט אָן פייער אין זייערע טרוקענע געדערים. זיי האָבן אויסגעוואַנדערט, די מייז, פונעם הונגערנדיקן ייִדישן געטאָ. אַ מויז איז נישט קיין ייִד. ווען אַ געשטאַפּאָניקס בליק וועט זי דערטאַפּן, וועט ער נישט פרגוון, דער היצעל, זי צו פאַרהאַלטן און פאַרצוהאַלטן, האַלעמאַי זי איז פון אַ ייִדישׂ הויז אָן אַ שאַנד־לאַטע אַרוים...

— מייז געהערן, אַפּאַנעם, צו דער אַרישער ראַסע, — האָט פריידקע געזאָגט אָן אַ שמייכל.

...ס'איז שוין אַזוי אַפן כאָרעוודיקן געמיט, אַז פריידקע איז מער נישט פריידקע. אַז זי איז נישט זי, זעט פריידקע אַליין אינעם געדיכט־

באשטויבטן שאפע־שפיגל, וואס שרעקט זי מיט איר אפגעשפיגלטן אנבליק און געשטאלט.

— מע וואלט אים געדארפט פארהענגען, דעם שפיגל, ווען עס זאל זיין מיט וואס, ווי אין אן אוול־הויז אין די שיווע־טעג, — האט פריידקע ביטער געשמייכלט.

ווי זי וואלט גאר קיינמאל פאר איר לעבן נישט געלאכט, פריידקע. און זי האט דאך אמאל יא געלאכט, און נאך ווי געלאכט! אזויפיל געלאכט, זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, פון געלעכטער נישט געפלאצט שיר. ווו איז עס אהינגעקומען? עס ליגט אין איר טויט, ווי אין א קייווער. און אז פלוצים וועט עס גאר פון קייווער אויסשיסן, ווי א לעבעדיק באגראבענער?...

...זיי רעדן נישט צווישן זיך. מע האלט זיך אפגעזונדערט איינע פון דער אנדערער, ווי ברויגעזע, קעדיי דאס בעשוטפעסדיקע שטיינעריקע שווייגן זאל נישט דריקן אזוי אף דער צעלעכצטער נעשאמע. נאר איינמאל האלט זי, כאיעלע, נישט אויס און צעיאמערט זיך צערינען און דין מיט א לויפנדיק, זיך שלענגלענדיק שטראמעלע, מיטן שארפן פאריבל פון אן אליין־געלאזענעם זויגלינג, וואס דאס מיילעכל טריקנט דעם נאך דער מאמעס ברוסט, און דאס הערצל טריפט איין די איימע פאר דיזער קלינגענדיקער שטילקייט מיטן סווישטש פון דער גריל. רופט זי זיך דעמאלט אפ, פריידקע, פריער אפזיפצנדיק:

— הער אויף, כאיעלע! הער אויף, נעשאמע מיינע! נאג נישט דיין אייגענע נעשאמע און נישט מיינע. פון אזא געוויין ווערט דער מאן נישט זאטער, פון אזא יאמערן ווערט אפן הארצן נישט לייכטער. די טרערן רינען ארוים און זייער ביטערניש בלייבט אפן דעק פונעם געמיט, ווי צעגאסענע גאל. שטיל זיך איין. ווען דער ברודער מיט די קינדער וואלטן אויך דא זיין, מע וואלט צוזאמען פון הונגער די נעשאמע אויסגעשפיגן, וואלט בעסער געווען?

— עפשער טאקע וואלט איניינעם בעסער געווען, גרינגער, — ענטפערט זי מיט קינדערשער אקשאנעם.

— הער אויף ריידן קינדערייען, שוועגערן טייערע! אט זיינען מ י ר ביידע צוזאמען. מיר האבן דאך ווי שוועסטער געלעבט צווישן זיך. ווי לייבלעכע שוועסטער האבן מיר זיך ליב. נו, איז וואס? הער אויף, באַ־

רעכן בעסער — קיין סאך אזעלכע גליקלעכע פרויען, ווי מיר, זיינען אין ווארשע נישט פאראן.

— און פונוואנען וויים איך, וואס איצט איז מיט זיי? צי האבן זיי זיך געראטעוועט? צי זיינען זיי נישט צוליב אונדז פארבליבן, כאליליע? אוי-אוי! דאס הארץ זאגט מיר גאר קיין גוט נעוויעס נישט, פריידקעלע...

— א פארכאלעשט הארץ איז א שלעכטער נאווי. ס'איז דעם נעבעך שלעכט, זאגט עס שלעכטע נעוויעס. מעגסט זיך אף מיין ברודערל פארלאזן, כאיעלע. שטוסים! ער איז א מענטש... נישט אזוי וואס מיט א קאלטער לעבער. וואלט ער א קאלטע לעבער געהאט, וואלט ער אזוי די שפיץ פינגער נישט געביסן. ווער וויים עס נאך אזוי גוט, ווי איך, ווי ליב ער האט דיך. נישט נאר אין די ערשטע יארן נאך אייער כאסענע, ווען קיין פאליקל איז נאך נישט געווען, ווען ער פלעגט דיך ראק פיעשטשען און האליובען, נאר אפילע אין די לעצטע יארן, ווען דיר האט זיך שוין אויסגעדאכט, אז ער האט זיך צו דיר אפגעקילט. מיט מיר איז ער דאך געווען, ווי מיט א כאווער, א הארציקן כאווער. ווייסט דאך. אלץ האט ער מיר פארטרויט. אפילע די הארציקסטע געפילן צו דיר, וואס פאר דיר אליין האט ער זיי אויסבאהאלטן. אזא דיפלאמאטיע געווען בא אים. ער איז א גרויסער באר-דאס. ער רעגירט זיך אין לעבן לויטן סייכל, לויטן קאלטן פארשטאנד, און ווען ס'איז נייטיק אין לעבן אריין, לאזט ער דאס הארץ איינפרירן אפילע... צוליב די קינדער האט ער זיך זיכער געראטעוועט. צוליב דיינע קינדער, כאיעלע. פארוואס פארשטייסטו עס נישט? צוליב דיר אליין — טאמער וועסטו, א פרוי, פארט לעבן בלייבן.

— פארלאז זיך אף אונדזער ארענען. — פארענדיקט זי, פילנדיק, אז אירע רייד האבן איינגעשטילט, איינגעשלעפערט, ווי א וויג-לידל.

און ווידער לאזט זיך צווישן זיי אראפ די שווערע פרעסנדיקע שטילשווייגעניש, ווי א פארהאנג פון שטיין. זיי זיינען ווידער אינעם רעשוםפונעם הונגער-געשפענסט, וואס לאזט אראפ אף זיי פלאנטערס אומגעזעטיקטע פיאווקעס. זייערע קעפלעך טאטשען זיך אריין אין הארצלעפעלע און נאגן, נאגן ביזן אויסגיין פון די קויכעס, ביז א רעגע צו כאלאשעס.

...נו, און טיילמאל כאלעשט מען טאקע אויך. מיט די לעצטע צונויפגעזאמלטע קויכעס רייסט איינע ארויס די צווייטע פון כאלאשעס, רייסט זי אפט פון טויט. וואלט דאס כאלאשעס געשען, כאלילע, מיט ביידע

גלייכצייטיק, וואָלטן זיי שוין אַזוי פֿון שלאָף זיך מער נישט אויפֿגעכאַפּט. קיין האָן וואָלט נישט געקרייט, קיין הונט וואָלט זיך אַף זייער טויט נישט צעבילט. דער בריוונטרעגער וועט דאָך שוין מער אַהער נישט אַריינקומען. די מייז עפּשער וואָלטן פֿון דער ווייטן דערשפּירט זייער באַר־מינען־דייעך, און זיך אַהער אומגעקערט... אינמיטן נאַכט אַפּילע: פֿאַר זיי איז דאָס געטאָ נישט געשלאָסן.

— ו. —

דער צוג לויפֿט אומגעשטערט זיין וועג. זי פֿילט נישט דאָס פֿאָרן. גאָרנישט שטערט נישט אירע ראַיוּנגעס. זי איז אינגאַנצן אין זיך. זי לעבט איבער אַ צווייט מאָל דאָס איבערגעלעבטע. נאָר... שאַ־נאָר! ס׳איז עמעץ אַריינגעקומען? כאָטש די אויגן זיינען איר געשלאָסן, זעט זי דאָך מיטן גאַנצן וועזן, אַז עפּעס־וואָס נישט אָנטאַפּעוודיקס ווערט פֿאַרשוווּנדן, און עמעץ, מיסטאָם דער, וואָס איז אַריינגעקומען, גייט אַרויס. זי הייבט לייכט אַרויס דעם קאָפּ פֿונעם עלנבויגן און טוט אַ קוק. די עלעקטרע־שיין איז נעלעם געוואָרן. דער קאָנדוקטער, הייסט עס, איז דאָ געוועזן און זי אויסגעלאָשן. דער קופּע איז דורכגעוועבט מיט שלאָפֿנדיקער דעמערונג. זי דערפֿילט אַ פֿייכטע קילקייט ציען פֿון די פֿענצטער־שפּאַרונעס. זי דרייט אויס אַהין דעם קאָפּ. די שויב איז ווי פֿאַררייכערט. דער דרויסן קוקט אַריין מיט אומבאַשטימטן ליכט. דער באַגינען זאָגט נישט צו קיין גאָלדענעם זון־אויפֿגאַנג. דאָ וועט שוין מאָרגן נישט זיין דער פּוילי־שער גאָלדענער האַרבסט. זיי זיינען שוין אַף דער ערד פֿון מיירעוו־אוקראַינע. זי איז שוין נאָענט צום ציל. נאָר די זיכרוינעס וועגן דעם אָרט, וואָס זי האָט ערשט נעכטן פֿאַרלאָזן, לאָזן זי נאָך אַלץ נישט צורו. די אָפּענע אויגן שטערן. מאַכט זי זיי ווידער צו, ניורעט איין דעם קאָפּ, טוט לייכט אַ שוידער פֿון באַגינען־קעלט און שלאָפֿלאָזיקייט און — — — —

...אין דער נאַקעטער שטוב מיט די הוילע בעטן (אַף די מאַטראַצן האָט פֿריידקע אויפֿגעזוכט אַ קוינע), מיט דער צעעפֿנטער קליידער־שאַנק (צעעפֿנט, דער שפּיגל זאָל נישט קוקן אין שטוב אַריין...) שיינט אַריין די זון געל, ווי אַ וואַקסענע יאָנקיפּער־ליכט. דורך די צוויי פֿענצטער האָט זי אַריינגעוואָרפֿן אַף דער פּאַניר־פּאָדלאָגע צוויי געלע הונגעריקע קעץ.

ווי די צוויי מענטשן מיט די אויסגעליידיקטע מאָגנס אין שטוב, אַזוי שווייגן זיי אויך. אָנגעמיאוקעט זיך פון הונגער, אָנגעמיאוקעט זיך און, אַרויסגעשלאָגן זיך פון די קויכעס, מיט אַ שטילן וואָרטשען געלייגט זיך אַף דער זון. דרימלען און שווייגן. זייערע אַרויסשטאַרצנדיקע ריפּן שפּאַצירן אום אונטער דער אויסגעקראַכענער פעל. ווען זיי געבן אַן עפן אַף אַ רעגע די בעטנדיקע אויגן, כאַפּט אָן אַזאַ ראַכמאָנעס! זי, כאַיעלע, איינעם געבלימלטן שלאָפראָק, וואָס איז שוין אַזוי אָפּגענוצט און צעשאָטן, אַז קיין קוינע האָט אים שוין אין האַנט נישט געוואָלט נעמען, ליגט אין איין בעט. פּריידקע, אינעם איינעם לאַנגן שלאָפהעמד (אַלץ איז שוין געווען אויסגעפּאַרקויפט) — אינעם צווייטן. זי — מיטן פּאָנעם אין שטוב אַריין. פּריידקע — צו דער וואַנט. דער הונגער פּייניקט זי שוין נישט, פּריידקען מיסטאָם, אויך נישט. זי פילט זיך אויסגעהוילט און לייכט, ווי אַ רעשעטע. די לעצטע קויכעס זײַען זיך פון איר אַרויס, און זי ווערט איינגעשרומפּן. זי לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון די „הונגעריקע געלעקעץ" אַף דער פּאָדלאָגע. די פּאָדלאָגע, באַדעקט געדיכט מיט שטויב, איז פינצטער. אַמאָל איז זי נישט נאָר זויבער און ליכטיק געווען, נאָר אויך פעט פון שמירעכץ און זאַט מיט גלאַנץ. ווי זי פלעגט שימערן, צעגייין זיך אין שמייכעלעך, בעייסן פּראָטירן, פון אונטער אַנאַסטאַזיעס פיס, אַרומגעבונדענע מיט ווייך-האָריקע לאַפּטיעס! ס'איז אויסגעקומען — אַנאַסטאַזיע, אַ פּאַרויטלטע, פּאַרשוויצטע און אונטערזינגנדיקע, גייט אַף איר אַ פריילעך טענצל, און זי, די פּאָדלאָגע, בעט זיך איר אונטער די טריט און שמייכלט איר אַנטקעגן מיט טיינעג. דער שאַרפער טערפּענטין-אַראָמאַט פונעם שמירעכץ גיסט זיך צוזאַמען מיטן האַרבן שוויס-רייעך פון אַנאַסטאַזיעס לייב און פאַרגייט אין דער נאָז מיטן געזונטן שמעק פון יונגן סאָסנע-וואַלד אין סאַמע ברען פון האַלב-טאָג.

...שוין אַזוי לאַנג, אַז זי איז נישט אַריינגעקומען, אַנאַסטאַזיע! נאָר וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? אונטערהעלפן אין דער ווירטשאַפט איז דאָך איצט נישט שייעך. און ברענגען אַ מאַטאָנע — אַן אוגערקעלע, אַ מייערל, אַ ריבל, צי אַ פּאָר קאַרטאָפליעס געבראָטענע, ווי זי האָט עס אַמאָל געטאָן — עפשער איז עס באַ זיי אַליין שוין נישט בענימצע. נישט נאָר די ייִדישע באַפעלקערונג אַליין גייט אויס פאַר הונגער. וואָסזשע וועט זי קומען? טיילן זיך מיט די צאָרעס, צוזען די פּיין? נו, קיינער וועט שוין אַהער

נישט קומען, קיינער נישט! סיידן מאַשיעך. כאַ-כאַ-כאַ! מאַשיעך אויף אַ געלער הונגעריקער קאַץ.

...האַ? ס'איז, דאַכט זיך, עמעץ אַריינגעקומען דאָרט אין קיך. נאָר וואָס איז עס פאַר אַ נאַפּקעמינע — ווער. זאָל זיין מאַשיעך אפילע, זאָל זיין אַ געשטאַפּאַניק... ס'איז אַנאַסטאַזיעס גערדיכטער גאַנג. פריידקע דער־קענט אויך אַוודע דעם גאַנג, נאָר אויסדרייען כאָטש דאָס פּאָנעם אין שטוב אַריין — דאָס נישט. אַנאַסטאַזיע שטעקט אַריין דעם קאָפּ באַהיט און מאָלע-פּאַכעד, ווי זי וואָלט אין אַ לעוואָנע-נאַכט אַריינקוקן דורך אַ קראַטעם-צוים אויף אַ צווינטער, ווען עס שפּאַצירן אַרום די מייסים. צוזאַ-מענגעטראָפן זיך מיט דער „פּאַנים" אויגן, פאַרלירט אַנאַסטאַזיעס פּאָנעם גלייך דעם דאָזיקן אויסדרוק, און זי זעט אויס פאַרשעמט, ווי געכאַפּט פאַר אַן אַוויירע. זי טוט אַ בלאָזן שמייכל און פאַרלירט אים טייקעף. זי טרעט ערנסט אַריבער די שוועל און גריסט זיך מיט אַ שטומען קאָפּ־שאָקל. פון אירע צוקנדיקע ליפּן פאַלט קיין וואָרט נישט אַראָפּ. זי, כאַיעלע, רופט צו אַנאַסטאַזיען מיט אַ בליק, ווי מיט אַ שוואַכן פינגער, און טייטלט איר מיט אים צופוסנס — זי זאָל זיך צוזעצן, הייסט עס. אַנאַסטאַזיע פאָלגט און שווייגט ווייטער. אירע אויגן דרייען זיך אַלעמאָל איבער צו פריידקעס אומבאַוועגלעכן קערפּער, און פון זייער אומעט טוט אַלע ווײַלע אַ פינקל שרעק. די אויגן פרעגן. וואָס פרעגן זיי? אהאַ... זי שטויסט זיך ענדלעך אָן, כאַיעלע טוט שנעל אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין, אויף כאַס-וועכאָלילע, און פליסטערט מיט די ליפּן איין שוואַך וואָרט:

— לעבט...

אַנאַסטאַזיע וואַרט אָפּ נאָך אַביסל, און אירע אויגן באַרויִקן זיך. זי איז זיך, קענטיק, מעיאַשעוו עפּעס מיט זיך אַליין. דערנאָך ציט זי אַרויס פון אַ פּעקעלע אַ זייבער־געוואַשענעם מער און דערלאַנגט אים איר.

— אַ דאַנק! טוט זי אַ כליפּ, נעמענדיק די מאַטאַנע מיט פאַר־כאַלעשטע פינגער און, נאָכן פייכט מאַכן דאָס מויל מיטן זאַפט פונעם ערשטן איינביס:

— פריידקע, מיר האָבן אַ גאַסט. דו הערסט נישט? אַנאַסטאַזיע איז געקומען.

פון פריידקען, ווי פון דער וואַנט, קומט קיין ענטפער נישט. קיין באַוועגונג.

— ברעך אָפּ, אנאסטאזיע, — דערלאַנגט זי איר דעם מער: טראָג צו דער שווענערן. אנאסטאזיע פאָלגט נישט גערן, גיט פריידקען די קלענערע העלפט מער, בעיים אין אירע אויגן גייט אויף איימע.

— א דאַנק, אנאסטאזיע, — שעפּטשעט פריידקע צו דער וואַנט, נישט מאכנדיק די מינדסטע באַוועגונג: כ'בין נישט הונגעריק. זאָל בע־סער די „פאַני" עסן...

און זי, די „פאַני", גריזשעט דערווייל דעם האַלבן מער, גריזשעט פּאַמעלעך, קאַרג, ציטערט איבער זיין עקזיסטענץ. זיין זאַפט דערמינ־טערט איר האַרץ, איר כ׳עס. אנאסטאזיע לייגט לעם איר אנידער, צו־פרידן קענטיק, פריידקעס האַלבן מער און קוקט, און הערט זיך שווייגנ־דיק צו, ווי זי גריזשעט, קייט און באַסמאַקעוועט זיך. זי וואַרט אָפּ. עס האָט איר כוצן מער נאָך עפּעס אַן אינטערעס געבראַכט אַהער. ערשט ווען זי, די „פאַני", שלינגט אראָפּ פון גומען די לעצטע פעדעם פונעם מער און סמאַקעט אַרוים פון דער הויט פון מויל און די ליפּן דעם זייכער פונעם מערן-זאַפט, הייבט אנאסטאזיע אָן שטאַמלען:

— די מאַמע האָט מיך געשיקט. איך האָב געבראַכט דאָס פּעקעלע אַנטוּעכץ. זאָל זיך די פאַני איבערטאָן און גיין צו אונדז. מיר בעטן זייער. ווי אַזוי מ'עט אַליין איבערקומען די שוואַרצע צייט, וועט זיך אויך די פאַני באַם לעבן דערהאַלטן.

און זי בלייבט ווידער אַנטשטילט, ווי געשמידט פון שווייגעניש. בלויז אירע אויגן פינטלען — די אייַנציקע באַוועגונג פון איר קערפּער. דערנאָך טוען אַ צוק אירע ליפּן, און זי גיט צו געוואַקלט:

— צוויי פאַרשוין... איז אומעגלעך. ריזיקע.

קלעמענדיק שטילשווייגן און שווערער צאַר נעמען אַרום זייביידן, די „פאַני" מיטן דינסטמיידל, ווי מיט רייפן, אַף לאַנג, אַף לאַנג. און עפּשער... גאַרנישט אַף אַזוי לאַנג. מיט וואָס מעסטן די צייט? נאָר זי כאַפּט זיך, כאַיעלע, אַז דערווייל זיינען שוין די „געלע הונגעריקע קעץ" אַף דער פאַרלאָזנע אַוועק. אַוועקגעשלייכט שטיל פאַרן הונגער, זוכן ערגעץ שפּייז, רעטונג פונעם טויט. אין צימער זאַמלט זיך אָן טונקלקייט און מישט זיך אוים מיט דער שטילקייט, וואָס שלייכט אַרוים פון די קאַלטע ווענט. אינדרויסן האָט זיך שוין ווייזט אוים דער הונגעריקער טאָג פאַר־בייגט פאַר דער נאַכט און גייט זוכן דערנערונג אין זאַטע מעקוימעס.

— ווי קלערסטו, שוועגערן? — פרעגט זי מיט שטילן ציטער בא פריידקעס רוקן.

דאָס וואָרט שוועגערן מיינט שטאַרקער אונטערצושטרייכן זייער ליבלעך־בלוטיקע קרוווּעשאַפט, וויל אַרויסרופן צווישן זיי די אָנוועזנהייט פון אַרענען, איר מאַן און פריידקעס ברודער.

— וואָס?.. — און זי בלייבט אַנטשטומט פאַר כאַרפּע, כאָטש קיין פאַרב אפן פּנים רופט זי נישט אַרויס: זי, כאַיעלע, האָט דאָך ערשט נאָר וואָס פריידקעס האַלבן מער אויפגעפרעסן און האַנאָע געהאַט!

אומדערוואַרט דרייט זיך ערשט פריידקע איבער אין שטוב אַריין. אירע אויגן, פאַרדעקט מיט די אויגנלעדלעך און מיט דער וואַנט, ווערן פאַרבלענדט פונעם ליכט פון די פענצטער. איר בליק בלאָנדזשעט אַרויף אף אַנאַסטאַזיעס פּנים און בלייבט שטיין אף דעם. נאָר איר ענטפער גייט בלויז צו דער שוועגערן אף יִדיש:

— אדראבא. גיי אריבער צו זיי. האַרציקע מענטשן. גיי, שוועסטער, עפּשער וועסטו כאָטש דערלעבן זען מיין ברודערל. מיין קאָפּ־מענטש. סט'אים איבערגעבן אַ גרוס. די נעשאָמע פון זיין שוועסטער. דער אקאָרע. ווער כוץ אים...

און פּלוצים, אין דער ביין־האַשמאָשעסדיקער שיין, ווערט איר פּאָנעם טונקל־גרין, ווי די גאַל וואָלט זיך אין איר צעגאָסן. אַ צעצוקעניש צעציטערט זיך איבער דעם. אירע אויגן טוען זיך אַ דריי איבער, ווי גרויסע רעדער, מיט די ווייסלען אַרויס און פאַרשליסן זיך לאַנגזאַם. אין די ליפּן־ווינקלען בלעזלט אַ שוים. אַלע גלידער באַזונדער און דעם גוף אינגאַנצן טרייסלט אַ קאַנווולסיע, וואָס ווערט פּלוצים פאַרשטאַרט און כאַזערט זיך ווידער איבער.

...די פּאַליקע! צו טאָן איז נישטאָ וואָס. פון דער פּראַקטיק ווייס מען: מע דאַרף זיצן געדולדיק, מיט פאַרלייגטע הענט, און וואַרטן — צען, העכסטנס פופצן מינוט, ביז די קראַנקע וועט אַליין עפענען די אויגן, אַרומבלאָנדזשען מיטן בליק, אַ קנייטש טאָן, זיך וועלנדיק עפּעס דערמאָנען, מיטן שטערן, און אַ פרעג טאָן מיט אַ טאָן פון האַלב־געוויסקייט:

— וואָס?... כ'האָב אייך שוין ווידער געפּראַוועט די כאַסענע? גע-

טאנצט א פריילעכס? — און צעלאכן זיך אביסעלע פארשעמט, נאר מיט טיינעג פון גענעזן ווערן.

נאר היינטיקס מאל געדויערט דער אטאק זייער לאנג, שוין צו לאנג. זי, כאיעלע, איז באהערשט פון אזא אומאכט, אז זי איז נישט בע־קויעך אפילע צו זאגן אנאסטאזיען, זי זאל צוגיין פארקוקן דער שווע־גערן אין פאנעם אריין. זי איז ווי פארזונקען אין א דרימלענדיק וואסער. קאן זיין, אויך זי איז אין א צושטאנד פון...

— פאני! די שוועגערן. געשטארבן! לאמיר גיין, — שארכן אנאס־טאזיעס ליפן איר אין אויער אריין: זאל זיך די פאני אנטאן.

דאכט איר זיך דעמאלט, כאיעלען, אז די „פאני" איז נישט זי, נאר אנאסטאזיע. און וואס די פאני אנאסטאזיע באפעלט, דארף זי אומ־באדינגט אויספאלגן. און זי פאלגט טאקע, נישט וויסנדיק קלאר, וואס זי טוט. זי טוט אויך אן, אף דער פאני אנאסטאזיעס פארלאנג, דאס ווייסע קרוציפיקסל.

— ס'איז שוין פארנאכטלעך. מע דארף זיין זייער פארזיכטיק באם ארויסגיין פונעם געטא. דאס איז מיין מומע מאריאס פאספארט. מיין מאמעס א שוועסטער. זאל די פאני זיך גוט פארגעדענקען איר נאמען און פאמיליען־נאמען פון היינט אן: מאריא איוויצקא. מאריא איוויצ־קא.

זי שלייכט נאך אנאסטאזיען צו דער טיר. פלוצים טוט איר עפעס א שטעל אפ. עס פארגייט איר (ניין, נישט קיין געוויין, נישט קיין טרערן), ווי שטיינדלעך אין האלדז און היים זאמד אין די אויגן. דער קאפ שרויפט זיך אוועק צו פריידקען...

— זאל די מומע מאריא צוגיין זיך געזעגענען, — פירט זי אנאס־טאזיע צו.

זי בייגט זיך איבערן טייערן באר־מינען, באריר ט זיין שטערן מיט די ליפן און שעפטשעט מיט זייער טרוקענער שאלעכץ:

— זיי מיר מויכל! פריידקע, דעם האלבן מער וואס איך לאז דיר איבער. כ'גיי זען דיין ברודער, אונדזער ארענען.

— זאל די מומע ריידן אף אונדזער לאשן... — הערט זי א שעפ־טשע.

טונקעלע רעדער לויפן איר, ווי שווארצע קרייזנדיקע פאסן־ספי־

ראָלן, פאַר די אויגן. דער קאָפּ שווינדלט. ווייזט אויס, אַנאַסטאַזיע האָט זי אונטערגעכאַפּט אַף די אָרעמס און ארויסגעטראָגן פון שטוב. אין פאָדערהייזל, וואָס קעגנאיבער דעם באַלקאָן פון די גאָלדהאָבערס, קומט זי אביסל צו זיך. זי אָטעמט אָפּ מיט קילבלעכער פאַרנאַכטיקער לופט, און איר באַוווּסטזיין פרישט זיך אָפּ... דאָרט, בא די גאָלדהאָבערס, לעבט מען נאָך, אָדער מ'איז שוין אויסגעשטאָרבן?

— טאָכטערשע! — בעט זי זיך בא אַנאַסטאַזיען, דער פלימעניצע: פאָלג אַ גאַנג דער מומע מאַריאַ; גיי אַריין צו דער פאַנסטוואָ גאָלדהאָבער און זאָג: דעם פאַן שייפּערס שוועסטער איז אויסגעגאַנגען. ליגט דאָרט איינע אַליין.

אַנאַסטאַזיע פאַרשווינדט הינטער דער טיר פון די שכיינים. און זי, די מומע מאַריאַ, מאַריאַ איוויצקאַ, ליגט איבער עפּעס פון רעכטן אונטערן־אָרעם צום לינקן... וואָס? דאָס באַליבטע רוסישע ביכל, פּרוגס לידער־בוך! ווען האָט זי עס מיט זיך גענומען? ווי עס וואָלט צוגעוואָקסן געווען צו איר לייב. איר באַפרייטע רעכטע האַנט טוט זיך מעכאַניש אַ שטרעק צו דעם ביישטידל פון זייער טיר אַף דעם אָרט, וווּ ס'דאַרף פאַרבאָרגן זיין דאָס קליינע מעזוזעלע, און (ווי איר זעליקע שוויגער די צידקאָניעס) טוט עס אַ גלעט, דאָס ביישטידל, מיט די פינגער־שפּיצן, און טראָגט זיי צו צו די ליפּן, אַ קוש צו טאָן.

...ניין, נישט דאָס מעזוזעלע האָט זי געקושט — זי האָט עס פאַר איר לעבן נישט געטאָן. דאָס האָט זי זיך אַזוי געזעגנט מיט דער שטוב, וווּ זיי האָבן יאָרן אָפּגעלעבט אין פריידן און ליידן. זי האָט געקושט די הייליקע וואַנט פון אַ צעפּייניקטער יידישער שטוב. זי האָט אַ קוש געטאָן דאָס פאַרגליווערטע האַרץ — דעם אויסגעטריקנטן קוואַל פון פרייד — פון דער אויסגעאַנגענער פריידקען.

— — — ווי פון אונטער דער ערד הערט זיך דער רויש פון דער ווייסל. דורך דער וואַנט דרינגט אַריין, אַן אָפּגעטויבטער, דער פייף פון אַ דאַמפער. ס'איז נאָך זייער פרי. דאָס ריבאַצקאַ־געסל גיט נאָך וועגן זיך גאָרנישט צו הערן. כאָטש דאָ אין קעלער־שטיבל וואַכן שוין די שוועסטער און אַנאַסטאַזיע. נאָר איר, מאַריאַן, איז אַזאַ פולקייט אַרויסצורייסן זיך פון דעם האַלב־שלאָף, האַלב־דרימל. אירע אייוורים רוען זיך מיט טייגעץ אויס אַפּן מאַטראַצל פון הובלעכץ. אונטערן קאָפּ דריקט אביסל

די קישן. אירע פעדערן, צענויפגעשלאָגן מאַכמעס אַלטקייט אין קנוילן, זיינען האַרט, ווי שטיינער. נאָר ס'אַ קלייניקייט. זי איז אויסגערוט און זאַט. אַ גוטע וויעטשערע געווען נעכטן. אַ געדיכטע זופּ פון קלייענדיקער מעל מיט קאַרטאָפליעס און ווילדן קריפּ. באַטאַמט זייער. און אַז זי הונגערט טיילמאָל צו אַביסל, איז אויך קיין בייז נישט. ס'איז דאָך צוזאַמען מיט יאַדוויגאַן און אַנאַסטאַזיאַן. איין זאַך נאָר פאַרשאַפט אַגמעס-נעפעש, וואָס זי, מאַריאַ, האָט נישט גענוג קויכעס, ערלעך איר דערנערונג צו פאַרדינען. זי איז שוואַך, זייער שוואַך. גרעט-וואַשן איז נישט פון די לייכטע מעלאָכעס. זי באַאוולט די שוועסטער מיט דער פלימעניצע. אָבער קיינע פון זיי האָט צו איר קיין טיינע נישט דערפאַר. די שוועסטער, יאַדוויגאַ, מאַכט זיך, קלאָמפערשט איז זי קיין מיוון נישט אַף איר אַרבעט.

— שוועסטער, מאַריאַ, — זאָגט יאַדוויגאַ אָפטער, גראָד דעמאָלט, ווען זי אַרבעט גאָר שוואַך: עמעס, מיר האָבן היינט היפּש אַן אַרבעט געטאָן?

און מאַכט זיך נישט זעענדיק, ווי זי, מאַריאַ, איז רויט געוואָרן.

— וואָס זאָגסטו, אַנאַסטאַזיאַ?

— נאַטירלעך, מאַטקאַ. — ענטפערט אַנאַסטאַזיאַ (די זעלבע, וועלכע איז אַמאָל, ווען זי האָט געדינט באַ דער פאַנסטוואָ שייפער, אַזוי נאַריש געווען): אָן אייךביידע וואָלט איך דאָך מיין קאָפּ פון דעם באַרג וועש קיינמאָל נישט אַרויסגעזען!

...איז וואָס זשע קעכל איך זיך טאַקע אַזוי אַפן געלעגער? שוין העכסטע צייט אויפצושטיין, צוהעלפן זשמיקען דאָס גרעט! און זי ציט אויס די ביינער און עפנט די אויגן.

— — — אַך! דאָס האָט זי גאָר דעם רויש פון צוג, דאָס פייפן פונעם לאָקאָמאָטיוו פאַרנומען. דער דרויסן איז אַ האַרבסטיקער, אַ גרויער, אָן זון. שפּעט וועט זי היינט אויפשטיין, די זון. אָדער גאָר אינגאַנצן נישט. נאָר דער לאָקאָמאָטיוו פייפט אויפמונטערנדיק און באַגריסט אָפּגעשניטענע טווע-פעלדער, פאַרגעלטע לאָנקעס, שיטער-ווערנדיקע וועלדער, אַ בוים דאָ, אַ קוסטל דאָרט, אַ הייזל דערנעבן, אַ דערפל פונווייטן. אַלץ אַנטלויפט פאַר אים, מאַכט אַ טאַנצנדיקן קרייז און קומט אים אָן צוריק אַנטקעגן. די רעדער וועלגערן ווייטער דעם צעזונגענעם גערויש

פון די וואַגאָנעס, דעם זעמערדיקן ברום פון די ציטערנדיקע שויבן, און פאַרוויגן ווייטער די פּאַסאַזשירן אין באַגינענדיקן דרימל.

זי איינע וואַכט איצט. ס'איז איר רויִק אַפן געמיט צוליב דער גוטסקייט, וואָס ס'האָבן איר אַרויסגעוויזן די איוויצקאַס. אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי געווען נאָך בעסער, ווי זי האָט זיי נאָר-וואָס געזען אין כאָלעם.

— ווי דו ווילסט און ווי דו פאַרשטייסט אַליין, שוועסטער, — ענטפערט איר די אַלטע יאַדוויגאַ, בעיס זי איז זיך מיט איר מעיאַשעוו שוין צום צענטן מאָל אַוואַדע, און ציילעמט זי איבער: ווילסטו בלייבן באַ אונדז — בלייב. מע מוטשעט זיך אַפן ביסן ברויט, וועט מען זיך ווייטער מוטשען. מ'האָט אַזויפיל ריזיקירט, וועט מען ווייטער ריזיקירן. אַז די הייליקע מאַמע די טשענסטאָכאָווער, וואָס דו האָסט די זכיע איר נאָמען צו טראָגן, וועט אונדז באַשיצן מיט אירע פליגעלעך, וועלן מיר איינגיכן אַלע אויסגעלייזט ווערן פונעם מאַלכעמאָוועס, פונעם שוואַב. די קוילעס פון די אומשולדיקע קאָרבאָנעס, פון אויפעלעך שוואַכינקע. לעבערן אַלע טאָג דעם הימל... ווילסטו, הייסט דיר אַ ז ו י דיין האַרץ, אַוועקגיין — געזעגן זיך, לאָז זיך אַף וואָגל, זוך מאַן און קינדער, און זאָלן אַלע הייליקע דיך באַשיצן און באַשירעמען אין וועג. אַ געפערלעכער וועג מיט סאַקאָנעס נעפאָשעס. די הייליקע מאַמע אַליין איז אַ ייִדישע טאָכטער געווען. נישט פאַר דער פיין פון איר זון, יעזוסן, ליידן די ייִדן. אַלע גלויביקע ליידן היינט פונעם אַנטיקריסט. אונדזער יונגער קסיאָנדז (יונג לויט די יאָרן און אַלט לויטן פאַרשטאַנד) גיט וועגן דעם שאַרף אָנצוהערן אין קאָשציאָל. ווען גאָט דער פאָטער האָט אויערן און פאַרשטאַנד געשענקט, דער פאַרשטייט. און ווער עס האָט אַ פאַרשטאָפטן קאָפּ און אַ פאַרשטאָפט האַרץ און שטויסט זיך נישט אָן פונעם קסיאָנדזס רייד, דעם וועט שטויסן דער אַנטיקריסט מיט זיינע בלוטיקע הערנער. דאָס גאַנצע גרויסע וואַרשע האָבן זיי אין אַ געטאָ פאַרוואַנדלט... ווי דיין האַרץ לערנט דיר, שוועסטער, אַזוי טו. אַ ליידנדיק האַרץ איז פון גאָט פאַר אַ נאָווי געזאַלבט...

מיט וועמען נאָך טאַקע, כויץ מיטן אייגענעם צעבראָכענעם האַרץ, מיטן „גאָטס געזאַלבטן נאָווי", און כויץ מיט דער פּראָסטער, ערלעכער און פרומער זקיינע, האָט זי געקאָנט זיך אָן אייצע האַלטן? מיט אַנאַס-

טאזיאן? זי האט נישט קיין קאפ פאר איר. זי לעבט... מיט איר טויטן סטאכן, דעם העלד פון וועסטערפלאטע... פון איין זייט — די גויישע שוסטערקע, יאדוויגא, פון דער צווייטער — איר שוויגער, די מעלומעדעס, אן אפשפראץ פון קאזשעניצער מאגיד, קיילע פייגע! און זי, כאיעלע, אין מיטן! אין וואס פאר א מיטן דאס לעבן שטעלט אמאל אריין א מענטשן!

אז אפילע גיין אפן גענשער בייסוילעם, אראפרעדן זיך פון הארצן פאר די טויטע שווער און שוויגער, מיט זיי זיך אן אייצע האלטן, איז אויך נישט מעגלעך געווען. אין די גוטע צייטן האט זי קיינמאל די באליידיקונגען פונעם לעבן, אירע צארעס, איר שווער הארץ צו די טויטע נישט געטראגן. א נישט-גלויביקע, האט זי נישט געגלויבט, אז זיי קאנען עם איר לייכטער מאכן. צו אירע זעליקע טאטע-מאמע וואלט זי יא געגאנגען, ליגן זיי נישט הי, אפן ראוונער פעלד. אפילע אום ערעוו-יאם-האדין פלעגט זי אהין נישט גיין. אפילע ווען איר שוויגער, פאר וועלכער אירע נערוון פלעגן אויפציטערן, האט נאך געלעבט. כאטש זי האט געוווסט, אז פארנאכט צום ליכט-צינדן וועט עם די שוויגער אויסוויינען מיט טיינעם אף א קאל, אז דער שווער, דער זון זאל עם הערן: — „אין מיין טשערעדע האט זיך אן אומריינע שאף אריינגעקריגן. איר פאסטעך איז א בלינדער. עפן אים ,האר פון דער וועלט, די אויגן, אדער רייניק זי אליין אין דעם טאג פון רייניקונג".

פאר כאיעלע שייפערס טריבע אויגן האלט דער דרויסן אין איין דרייען זיך א קאראהאד. נאר פארקוקט אין זיך אריין, זעען זיי גארנישט. איינגעמידט פון אומטעטיקייט, ווילן זיי זיך צושליסן. פאלגט זי זיי און מאסטיעט ווידער איין דעם קאפ אין די ארעמס. זאל ער ווייטער טאן זיין זאך — זינקען אין פארשטעלונגען און ראיוינעס.

...ווי לעבעדיק שטייט פאר איר דער שוויגערס געשטאלט. א רוכני. מיט נערוועז-גיכע באוועגונגען, מיט ספריטנע טריטעלעך באוועגט זי זיך אין שטוב און אין קיך. דאס כיעס האלט זיך אין איר צעלעכצטן גופל מיטן קויעך פון איר פאנאטישן גלויבן. עס טראגט זי דער אימפעט. זי איז פארהאוועט, בייז, און ראק זי וואָרטשעט. אירע גרויע שארפע בליקעלעך היטן נאך די שגור, ווי א גאנעוו, זי זאל די קיך, די טעפלעך, כאלילע, נישט טרייף מאכן: „אף אזוינס איז זיך אלץ צו ריכטן"... ווי זי וואלט געווען דעם ריבוינע-שעל-אוילעמס א געהיים-אגענט, די שוויגער.

...זי שאָקלט זיך, די שווינגער, איבערן דיקן סידער מיט דווייקעס. דאָס פּאָנעם — מאַמעש עס גליט. דאָס נעזל, וואָס האַלט אונטער מיט אַ צוזינג-ברום דעם טפילע-ניגן, רויכערט זיך אומגעזען.

אַלע ווײַלע הייבט זי אַרויס איבער די גלאַנציקע ברילן-גלעזער די קלײנע אָנגעצונדענע אייגעלעך, וואָס שפּריצן מיט פונקעלעך פון פאַנאַטישער סינע אַף דער שנורס ביז דער העלפט נאַקעטע הענט:

— באַ ייִדן איז נאָך אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן. פו, פו! אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָר קיין ייִדישע טאָכטער נישט געווען. שטראָף נישט גאָט פאַר די רייד.

ווען זי איז געשטאָרבן, איז דאָס לעבן לייכטער געוואָרן... בעיים די קאָשמאַרן פון הונגער פלעגט זי, כּאיעלע, הערן דער שווינגערס וואָרטשען פון קייווער אַרויס. ס׳איז פאַרגעקומען, ווי דאָס שיפן פון אַ שלאַנג. ווי שיקט זיך דאָס, אַז אַזאַ זאָל זיין אַרנס מאַמע; אַרן האָט זי טאַקע נישט ליב געהאַט, די אייגענע מאַמע. דערפאַר האָט ער אויך די פרומקייט אַליין אַזוי פיינט געהאַט.

— כ׳האָב געזאָגט, — שיפעט זי מיט פאַנאַטישן גיפט: כ׳האָב גע־וואָרנט, און גענזידלט, און געשאָלטן. גאָט באָרוך הו וועט שטראָפן, וועט שטראָפן בייז... דער אייל קאַנע ווענויקעס...

פונדעסטוועגן האָט עס איר, דער שנור, נישט אָנגעשראָקן. זי איז אַ האָר נישט פרומער געוואָרן. אַפילע נישט פאַר דער לעצטער שרעקלע־כער צייט. קיין איינציק מאָל האָט זי נישט אַרויסגענומען דאָס טילימל פון אונטערן שווערן קוילן-קאַסטן, ווו פריידקע האָט עס אויסבאַהאַלטן, קעדיי אַמאָל אַ קאַפּיטל טילים צו זאָגן. בלויז ווען פריידקע, וועלכע איז נישט אין דער פאַנאַטישער מאַמע געראָטן, טוט עס אַמאָל, ווערט זי, כּאַ־יעלע, געריירט ביז טרערן... פאַר איר בליק שווימט אַפער קאַמינסקיס טעאַטער אַף קאַראַוואַ-גאַס, דער אָנגעפּראָפּטער דושנער צושויער-זאַל, די סצענע, מירעלע עפראָס — ראָכל קאַמינסקי, אַ צעבראָכענע און שטאָלצע גלייכצייטיק, געלענט אַפּן שטעקן גייט צו צום טיש, זעצט זיך און נעמט זאָגן אַ קאַפּיטל טילים... ווי דערהויבן-שיין דאָס איז געווען אין טעאַ־טער! נאָר זי זאָל עס טאָן באַ זיך אין שטוב? אַן אומקלאָר בושע-געפיל באַהערשט זי, ווען זי דערלאָזט בלויז אַן אויגנבליק דעם געדאַנק. אַרן

וואָלט זיך אפילע היינט צעלאכט, און... זי נעמט בלעטערן די היימישע בלעטלעך פון פרוגס לידער.

...עס דערוואכט אָבער אין איר און פארשטארקט זיך דאָס געפיל און דער באוווּסטזיין, אז איר לעבן האָט זיך נישט מיט איר אָנגעהויבן. מע־מיילע טאָר זיך עס נישט מיט איר פארענדיקן. זי איז אַ שפּראָץ פון פאר־גאנגענע דורות, פון אַן אַלטן שטאַם, וואָס וואָרצלט אַזש אין אור־פאר־צייטנס. אין אָנגעזיכט פון סאקאָנע פארשניטן צו ווערן, ציען איר פע־דעם און זאפטן צוריק צום שטאַם. נישט זי אַליין כאַלעשט ווייטער צו עקזיסטירן, צו לעבן, נאָר דורך איר, איר גאנצער אַלטער שטאַם, איר יִידיש פאָלק. עס ציט זי דעריבער צו די קוואָרים און קאַלטע מאַצייוועס פון די לייבלעכע אוועקגעגאנגענע דורות, זיך אויסצוּוויינען דאָרט מיט זיי צוזאמען. אירע טרערן — זייערע טרערן. עס ציט דאָס האַרץ, עס נאָגט די נעשאָמע. ווי גערן זי וואָלט געגאנגען אפן קייווער פון דער מאַ־מע ראָבל קאַמינסקי... עס ציט איר אַף פאָרויס און אַף צוריק: פון איין זייט — צו די טויטע, צו דער פארגאַנגענהייט, צום פאָלק; פון דער צווייִ־טער זייט — צו די לעבעדיקע, צום מאַן מיט די קינדער, צו אייניקלעך און אוראייניקלעך, צו דער צוקונפט, צום פאָלק.

...וואָס וואָלט איר איצט אַרן געאייצעט צו טאָן? שוין צוויי יאָר, אַז זי האָט זיי נישט געזען. פאַליק מוז שוין זיין אַ היפשער באָכער. ווי זעט ער אויס? אויך אין די גוטע יאָרן איז ער שטענדיק דאַר און בלאַס געווען. קעסיידערדיקע נערוועזיטעט האָט אים אויסגעצערט. ס'האָט אים צו עפּעס געטראָגן. נאָר צו וואָס, וווּהין, האָט ער אַליין נישט געוווּסט. און עפשער... האָט ער, גראָד יאָ געוווּסט. נאָך אין פינפטן קלאַס זיך מיט פייער געשפּילט: אַ פיאָנער געווען. מיט די ברידערלעך, מיט שעפּטלען און יאַנקעלען, די סקיפּיסטן, זיך קעסיידער אַרומגעריסן... איצט מוז ער הויך און אָפּגעצערט זיין. די גרויע אויגן, מיינע אויגן, זשאַרען אַפן אַשיק־מאַטן פּאָנעם. דער קוטשער — ווילד־צעשויבערט. אַ לייכטע פּו־קיכע האָריקייט אַף דער אייבערשטער ליפּ און אַף די באַקן. די בלויע אָדערלעך אַף די בלאַסע שלייפן שלאָגן אָנזעעוודיק. דער האַלדז — דין און צאַרט מיט אַן אומרוּיִקן שפּיציקן קנאָפּ... שעפּטל (געענדיקט דאָרט אַ טעכנישע שול, אַ טאָקער) זעט שוין אוואדע אויס אַ פאַרטיקער מאַנס־פּאַרשוין: ברייטפּלייציק, געזעצט, די הענט פאַרגרעבט פון אַרבעט. און...

מיסטאַם, זיך קיינמאָל נישט אָנגעזעטיקט, האָגאַם מ׳האָט זיי, איר מיט פריידקען, שפייז-פעקלעך געשיקט. עפשער דערפאַר טאַקע. ער פלעגט ליב האָבן נישט אַזוי אַ גוטן נאַשעריִשן ביסן (ווי דער עלטערער), ווי פעסט, צו פולער זעט אָפּצועסן. סאַר אַ טייער קינד! כאָטש אַ פּראָסטער, אָן כאָכמעס, ווי גאָרנישט אין טאַטן אריין געראָטן. די טעאָרעטישע לימו־דים האָבן זיך אים נישט אַזוי לייכט אין קאָפּ פּאַטויפעט, דערפאַר אָבער האָבן זיך אים די דיקלעכע הענט גרינג געלייגט צו יעדער מין טעכנישער אַרבעט; ניין, צו אַרבעט — אויך דער סייכל. פונוואַנען האָט זיך צו זיי אַזעלכער גענומען? אין די מישפּאָכעס פון זיין טאַטע-מאַמע איז קיין איין באַלמעלאָכע נישט געווען. זי, אַ פּראָגרעסיווע פרוי, אַ ליבהאָבערן פון פרוגס לידער, האָט עס קיינמאָל נישט באַדויערט. ערן האָט זיך אוואַ־דע פון דעם צום האַרצן נישט גענומען.

— האַלעוויי וואָלט איך אַליין בעסער אַ שוסטער געווען, — פלעגט ער אַמאָל זאָגן, ווען די געשעפטן האָבן אים „דעם קאָפּ אַראָפּגענומען”: אַ יעגיִאַ קאַפּאַיִם איז אַ נעקי קאַפּאַיִם.

כאָטש ליבע האָט ער מער צום עלטערן, צו פאַליקן, אַרויסגעוויזן, ווי צו שעפטלען. שעפטלען האָבן דערפאַר די דינסט-מיידלעך מער ליב געהאַט; האָבן אים טאָמיד נאָך אַ ביסן אונטערגערוקט.

...און יאַנקעלע? דער מיזינעק? וואָס איז אָפּ דער וועלט געקומען קענען טאַטע-מאַמעס ווילן, קענגן דער מי פונעם דאָקטאָר דעם אַבאָרטן־מאַכער. אַ רוכני איז עס פון שוים אַרוים מיט אַ מאַלפּיש פּענעמל, נע־בעך... אין דער שוויגער געראָטן. אָבער ווי זים ס׳איז געווען! שוין גאָר־נישט ווי די שוויגער. אים האָבן זיי, טאַטע-מאַמע, עפשער צום ליבסטן געהאַט. ער האָט זיך אויך פיזיש שוואַך אַנטוויקלט. אַ האַנטשיקל אָן אויסגעשעטשיפּעטס. נערוון אַ בינטל. איז איצטער ווי זעט ער אויס, נאָך אַלע זיינע איבערלעבענישן? אַ קינד — שוואַרצע אַליין די גרענעץ און פאַלט אַריין, נעבעך, אין טפיסע אָפּ עטלעכע וואָכן, ביז ערן דערשלאָגט זיך און לייזט אים אויס קוים מיט צאָרעס. „די צאָרעס האָבן יאַנקעלען סטאַטעטשנער געמאַכט, — האָט ערן געשריבן אינעם לעצטן בריוו: ווי ער האָט אין דער היים נישט געוואָלט, אַזוי האָט ער זיך דאָ, אין דער פרעמד, מיט פליים אַ נעם געטאָן צום לערנען. אין דער סאָוועטישער שול־

איז ער אַן אויסגעצייכנטלער געוואָרן". ווי נעמט דאָס קינד קויעך פאַר די ביכער?

און די שוועסטער זעלדע? די שטענדיק קלוגע שוועסטער, די רע-וואָלוציאָנערן מיידלוויז און שפּעטער, נאָך דער פאַרשפּילטער רעוואָלו-ציע און איר כאַסענע, די גאַנצע פירערן פון זייער שיך-געשעפט — וואָס האָבן פון איר די יאָרן און די מילכאָמע-פּכאָדים געמאַכט?

און דער שוואָגער פּינכעס? דער גרויסער שיך-סויכער, פּינכעס וויאַ-טרינסקי, וואָס האָט שטענדיק געציטערט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג און דייע פאַר מענטשן אינעם בייזיין פונעם ווייב, דער איישעס כאַיל און וועלט-כאַכאָמע, און פאַרקערט, ווען זי איז נישטאָ, טאָמיד געקליגלט זיך, ווי אַליין אַ וועלט-כאָכעם, מיט אַ זעלבסטצופרידן-נאַרישעוואַטע פּאָנעם.

— וואָס פאַר אַ פּאָנעם קאָן ער שוין איצטער האָבן? און וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָבן זיי דאָרט אַלע?

— אוי-אוי-אוי! — זיפצט זי אָפּ שטיל און אַף טרוקן. קיין טרערן דרייען זיך איר נישט אָן אין די אויגן.

זי האָט פאַרלוירן, כאַיעלע, איר אַמאָליקע געוווינהייט צו וויינען פאַר אַ ליאַדע-וואָס. אַרענען פלעגט דאָס שטאַרק אויפרעגן. אים אַליין, אַרענען, האָט זי קיינמאָל וויינען נישט געזען. כאָטש פאַר וו אָ ס — האָט זיך אין זייער צוזאַמענלעבן נישט איינמאָל געמאַכט. פאַר איר וויי-נען פלעגט ער טיילמאָל שפּאָטיש פון איר אָפּלאַכן. אַמאָל אַפילע באַ-ליידיקן: — דיינע שיינע אויגן, כאַיעלע, שטייען אַף אַ זומפּיקן באָדן. בלאָטע! נישטאָ וואָס צו וויינען.

איצט וועט ער שוין פון איר צופרידן זיין, אַרן. אירע אויגן שטייען שוין אַף אַ זאַמדיקן באָדן... און טאָמער זיינען זיי פון ראָוונע אַוועק? אַדעראַבע. איז דאָך גוט. האַלעוואַי! אַף דעם פאָרט זי דאָך אַהין, זיי דאָרטן שוין נישט צו טרעפן; צו וויסן וועגן דעם. זי טראָגט זיך דעם טויט אַנטקעגן, קעדיי צו דערוויסן זיך, אַז זיי זיינען ווייטער אַוועק דעם לעבן אַנטקעגן. קיין סאָוועטנלאַנד. קיין סאָוועטנלאַנד. זאָל אין דעם לאַנד קיינמאָל די זון נישט פאַרגיין!... און זי וואָס וועט דעמאָלט טאָן? גיין אַפּן הייליקן אָרט? זיך לייגן צווישן די קוואָרים פון טאַטע-מאַמע? אויס-גיין דאָרט אַזוי פון הונגער און דאָרשט? ניין. זי וועט זיך קלאַמערן, מיט די נעגל און מיט די ציין זיך קלאַמערן פאַרן לעבן. מיטן זעלבן וועג וועט

זי זיך אומקערן צו די איוויצקאַס. זיי וועלן זי צונעמען נישט ערגער, ווי דאָס ערשטע מאָל. זי וועט זיך ווידער אויטאָ-היפּנאָטיזירן פאַר מאַריאַ איוויצקאַ. קאָל־זמאַן אַ מענטש לעבט, טאָר ער נישט פאַרלירן די האָפענונג. עפשער איז איר נאָך באַשערט איבערצולעבן גראד אין וואַרשע דעם שוואַרצן בראָך פון די טאַליאָנים. די מילכאָמע וועט זיין פאַרענדיקט, און אַרן מיט די קינדער וועלן זיך אומקערן צו איר. וויי-וויי! צי קאָן מען נאָך אַזאַ גליק איבערלעבן, פון זינען נישט אַראָפּצוגיין, דאָס האַרץ נישט צו פאַרלירן? נאָר... צי וועט איר דאָס מאַזל צושפּילן, דורכצומאַכן בעשאָלעם אויך דעם צוריקוועגס קיין וואַרשע? געשעען דען ניסים אַלע טאָג? סיי-ווי, אָנווערן דאָ אין ראָוונע וועט שוין נישט זיין וו אָ ס. אַוואַדע, אויב אומקומען מיט אַ מיסע־מעשונע פון דעם צווירערס הענט, וואָלט טויזנט מאָל ליבערשטער געווען אויסצוהויכן די נעשאָמע אָפּן ראָוונער בייסוילעם צווישן טאַטע-מאַמעס קוואָרים.

... און טאָמער, כאַלילע, וועט זי זיי דאָרט אַלע דערווישן? אַ? איז אויך קעדאַי איר רייזע. קעדאַי. צוזאַמען מיט זיי, מיט אַרענען, מיט די קינדער, מיט דער שוועסטער זעלדען, מיטן שוואָגער און זייער משוגענעם בען־יאָכיד — איניינעם וועלן זיי גיין דעם טויט אַנטקעגן. פאַרוואָס האָט פריידקע נישט זויכע געווען דערצו? אַזאַ נאַכעס.

און טאָמער, טאָמער, כאָלילע! כאַלילע! ווי קאָן מען עס גאָר אָפּן געדאַנק אַפּערברענגען? זיינען זיי שוין אומגעקומען? גע-ע-וואַ־אַלד! ניין! ניין־ עס קאָן נישט זיין. זי וויל נישט, און טאָמער פאָרט יאָ? וואָס וועט זי טאָן? האָט זי שוין טאַקע נישט וואָס צו טאָן. נישטאָ מער וואָס צו לעבן אַף דער וועלט. זי איז אַן אָפּגעהאַקט צווייגל פון אַן אָפּגעהאַקטן שטאַם. זי וועט גיין צו טאַטע-מאַמע...

אירע ראַיוינעס ווערן שווערער, געדיכטער, ווי כמאַרעס. זיי גייען נישט אַוועק פאַר די פריש־אָנשווימענדיקע, פאַרבלייבן אינעם כאָלעל פונעם שאַרבן, און ס'ווערט דאָרט ענג. דער קאָפּ ווערט שווער און דריקט דעם גוף צו דער ערד... אַ? וואָס טראַכט זי? זי קאָן קיין פאָדעם געדאַנק נישט אָנכאַפּן — — —

...דאָס ווייסע קרוציפיקסל אַף איר האַלדז־גריבעלע קריכט אַראָפּ איבער איר האַרץ אַף דער פאָדלאָגע און הייבט אָן וואַקסן, וואַקסן. פאָנעם

על פּאָנעם שטייט פאַר איר אַ בלענדנדיקער יעזוס מיט אַ טויט־באַצאַרט פּאָנעם:

— מאַמע מאַריאַ! — זאָגט ער באַקימערט: וואָס איז אַזוי באַטריבט דיין געמיט? וואָסער מאַרעשכוירעדיקער וואָלקן הענגט איבער דיין נע־שאָמע? דו גייסט דאָך אַף אַן אויסגעטראָטענעם וועג, אַפן וועג קיין גאָל־גאָטאַ, וואָס דיין זון האָט אַמאָל שוין גווווער געוועזן.

זי ענטפערט אים. אַן אומדערהערטער שאַרך בלויז פאַלט אַראָפּ פון אירע ליפּן. זי הערט נישט די אייגענע ווערטער, אירע געהירן הערן נישט איר אייגענעם געדאַנק.

— ווי כאַנע האַנעוויע, ווען זי האָט אַף אַ קינד געבעטן, — שעפּ־טשעט איר ווארעם אין אויער אַריין אַ באַקענטלעכע שטים (זאָל דאָס זיין פריידקעס?): גאָט, באָרוכו, דער אייל ראַכום וועכאַנון, האָט צוגע־הערט דיין געבעט, ווייל די טראָגסט אַ האַרץ פון אַ יידישער טאָכטער אין דיין ברוסט.

נאָר אָט אַנטפּלעקט זיך פאַר איר פון אַ נעפּל, פון ווייסע טאַכרי־כים אַרויס, ווייסבלוילעכע וואַסער־רינגען... ברילן־גלעזער. אַריבער זייע־רע רעמלעך קוקן פאַרזשמורעטע גרויע אייגעלעך מיט סינע. שפּריצן מיט פונקען פון פאַנאַטישן האַס. און אָט אַנטפּלעקט זיך אַרויס אַ גאַנץ פּאָנעם, פאַרלאָפן מיט בייזקייט. פון די ליפּן־ווינקלען, פאַרשאַרפטע ווי שנאָבלען פון רויבפייגל, שלאָגט אַרויס אַ גרינגע פינע... די שווינגער, קיילע פייגע!

— וואַרף אַוועק פון פאַר דיר הינטער זיך דעם שטיינערנעם אָפּגאָט, דו אָפּטריניקע פון אונדזער גאָט, פון אונדזער צעפּייניקט פאָלק! פאַר־שאָלטענע...

און ווי אויפגעטוויכט, אַזוי פאַרגייט זי, די שווינגער, צוריק אין נעפּל, און איר קאָל, וואָס בלייבט הענגען דאָ, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ברום פון אַ מאַנצביל. דער ברום גראָבט זיך אַרונטער איר קאָפּ, ווי אַ גראָבאייזן אונטער אַ שווערן שטיין, און הייבט אים אַרויף:

— י נ ד י ן ? !

זי רייסט זיך אויף צום וואַכזיין. דער באַוווּסטזיין פלעמלט אויף אין איר שאַרבן. און מיטן אָנגעשטרענגסטן ווילן באַפעלט זי זיך: זיי פאַר־זיכטיק! קאַלטבלוטיק! שטאַרק! האַלט זיך פעסט! ד ו ב י ס ט מ אַ ר י אַ א י וו י צ ק ו אַ, אַ פּאָליאַטשקע, פון קאַטוילישן גלויבן.

מיט אַלע קויכעס צווינגט זי זיך צו פאַרהאַלטן דעם שווידער, וואָס בוואַליעט דורך איר לייב. קלוימערשט פון שלאָף אַרויס עפנט זי פּאַמעלעך די אויגן און, האַלטנדיק זיי פאַרזשמורעט, קוקט זי זיך אַרום מיט גע-מאַכטן גישט-באַנעמען, וואָס אַרום טוט זיך. אָבער... זי איז פולשטענדיק דוּיק. פאַר וואָס און וועמען באַדאַרף זי זיך שרעקן?

— קען-קאַרטע־ — פּאָדערט קורץ און בייז אַ געשטאַפּאַניק איבער איר.

נאָר איידער נאָך זי באַוויזט אָפּדעקן דאָס קוישל, שימערט אים אַריין אין צאָרנדיקן בליק דאָס ווייסע קרוציפיקסל אויף איר האַלדז.

— ניכט נאָטווענדיג! — טוט ער בייז אַ ברום, אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט און בלייבט נישט, ווי אַ בייזער קאַשמאַר.

און באַלד שרייט אַריין פון דרויסן אַ פרעמדע, אַ דייטשישע, אַ פּיינטלעכע שטים:

— ראַוונאַ!

— ח. —

דער היימישער אַרום-וואָקזאַל פון דער געבוירן-שטאָט. דער דרויסן זייט זיך אַריין אין איר דורך די אויגן מיט טריבן האַרבסטיקן טאָג-ליכט, וואָס מאַכט נישט ליכטיקער און נישט פרייליכער אַפּן געמיט. קאָמפּרעסלעך פון פייכטער קאַלטער לופט וויקלען אַרום דורך איר לייכטן אַנטועכץ אירע צעבראָכענע גלידער, קלעפּן זיך צו איר לייב און פרישן עס אָפּ. און כאָטש קיין פאַרפאַלגער שלעפּן זיך נישט נאָך אירע טריט, פילט זי זיך, שלייכנדיק ווייטער איר וועג פון וואָקזאַל אין שטאָט אַריין, נישט ווי אַ פויגל, וואָס איז פון דער שטייג אַרויס אויף דער פריי, נאָר גי-כער ווי אַ גרינג שטייגל, פון ריטלעך געפלאָכטן, וואָס הענגט אינדרויסן אויפן ווינט, שאָקלט זיך, און אין אים צאַפּלט זיך אַ ציטערדיקער צעפּע-דערטער פויגל. זי שווידערט איגערלעך פון פייכטקייט, קעלט און פּאַכעד.

זי פאַרקערעוועט אין אַ זייט, לייגט אָן וועג, קעדיי אויסצומיידן די צענטראַלע גאַסן. דאָ זיינען די פינצטערע ווענטער, וואָס האָבן אַ ריִע פון קעץ און אַ כושהאַרייעך פון הינט, שטענדיק מער אין צאָל. דער וועג אַהיים ציט זיך אויס, ווערט פיינלעך לאַנג. די היים, דאָס אומבאַוווּסטע

ווענן די טייערסטע, וואָס וואַרט דאָרט אויף איר, ציט און רייסט אַזוי דאָס האַרץ, אַז זי שפּירט מאַמעש אַ פּיזישן ווייטיק: עס זיינען אָפּגעריסן די פליגל פון די פּלייצעס. אָבער איילן זיך, פאַרגרעסערן דעם טראָט, קאָן ווערן געפערלעך: בלוטדורשטיקע אויגן קוקן אַרויס אַפילע פון צווישן די שטיינער־קעפּ פונעם ברוק. שלייכט זי פּאַמעלעך, גאַנץ פּאַמעלעך, ווי זי וואָלט באַרוועס, מיט צעקאַלעטשעטע פיס אויף גלאָז־בראָך געגאַנגען. זי דריקט צו פעסטער מיטן אָרעם דעם אויער פונעם קוישל, עס זאָל נישט איבערנעמען דעם פאַרבאָרגענעם שווידער פונעם קערפּער, אַרויסטראָגן אים אין דרויסן און זי, כּאַלילע, פּאַראַטן.

דאָ און דאָרט ציט זיך אַ רויכל פון אַ קוימען, פאַרשרייבט עפּעס וועגן דעם גורל פון אירע טייערסטע און איר אייגענעם גורל אין דעם הימלס טאָגבוך אַריין. נאָר די שריפט ווערט גלייך פאַרמישט מיט דער וואָלקן־טריבקייט און פאַרגייט אין איר אָן אַ זייכער... אַלץ פאַרגייט, אַלץ אין לעבן פאַרגייט. ס'איז ערעוו אומקום.

און דאָך, ווי האַרציק־היימיש ס'איז דער אַרומאַונאַרום! ער וועקט מיט פאַרנעפּלטע פינגער זיכרוינעס פון דער קינדהייט און דער יוגנט. בילדער, סצענעס און געשטאַלטן, אויספאַרבאָרגענע ערגעץ־ווו אין פאַרשאָטנטע ווינקעלעך פון דער פּסיכיק, פּלעקן זיך אַרויס, שטריכן זיך אַרויס, פריער בלאַס, שיטער, נאָכער — פאַרביקער, געדיכט. זי דערפילט — דאָס קוישל אויף דער האַנט איז שווער געוואָרן... דאָס איז די וואָג פון פרוגס לידער־בוך. פאַר איר אינערלעכן בליק מישן זיך איבער זיינע בלעטער, און איבער זיי שנירלען זיך די שורעס. זייערע ווערטער באַקומען קלאַנגען, און טייל לידער, הערט זי, ווי זיי דעקלאַמירן זיך פון זיך אַליין. מיט וואָס פאַר אַ פּיין און אומעט זיי אָטעמען! יידישע פּיין. יידישער אומעט... קיין בידעש נישט, וואָס דאָס בוך איז אַזוי שווער. די פּיין, וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך, קאָן אַראָפּשווערן נישט נאָר די שוואַכע האַנט פון אַ צעפּייניקטער יידישער מאַמע...

— — — דער סאַד הינטער דער מיידל־גימנאַזיע. זי, אַ גימנאַזיסטקע פון אַכטן קלאַס, אינעם גימנאַזיסטישן שירצל, שפּאַצירט דאָ אַליין. זי האַלט אָפן פאַר זיך פרוגס לידער־בוך, אַ מאַטאָנע, וואָס זי האָט געקריגן צו איר געבורטסטאָג פון איר פּוילישער כאַווערטע, און לייענט מיט די אויגן. אומבאַמערקט פירט איר די אַלייע צו ביז צום הילצערנעם

פאַרקאַן. פּלוצים ווערט זי איינגאַנצן דורכגענומען מיט אַ שוידער מאַכ־מעס אַ הינטישן בייזן געוואָרטש. צווישן צוויי ברעטער שטעקט זיין צע־עפנטער שמאָלער פּיסק. ער שאַרפט אַף איר די ציין. זיינע אויגן סאַרפּען זי מיט רעציכע... אהאַ! זי דערקאָנט אים. זייער שאָכנס הונט. פון זיך אַליין וואָלט ער זי גישט באַפאַלן. — הוזיא! זשידוווקאַ! — דערהערט זי אַן אָנרייצנדיקע שטים און דערקאָנט: ס'איז דער פּינף־קלאַסניק קאָזיק, איר פּוילישער כאַווערטעס, יאַסיאַ ווערעטווונאַס, ברודערל. איר כאַווערטע איז אַ האַרציק מיידל, איר מאַטאָנע־ביכל האַלט זי איצט טאַקע פאַר די אויגן, און דאָס ברודערל — אַ דערצויגלינג פון דער שוואַרצער מייע.

...ער וואָלט זי דעמאָלט צעביסן, דער הונט. דער פּאַרקאַן האָט זי געראַטעוועט. זי איז אָפּגעקומען מיט שרעק. קאָן דען דער ייִד שטענדיק מיטראָגן מיט זיך אַ פּאַרקאַן? און שטענדיק היט דען דער פּאַרקאַן אויס דעם ייִדן? אַפילע נישט נאָכן טויט... די פריע אָדאָמס האָבן ייִדישע ביים־אַלמענס פאַראַקערט.

איבער אַ קליין בריקל גייט זי אַריבער דאָס שמאָלע טייכל, וואָס שניידט דורך די שטאָט. פאַר אירע צייטן האָט זיך עס מוטנע געשלענגלט צווישן זומפּיקע באַגרינטע ברעגן. פונדאַנען פלעגן אַלע קראַנקייטן זיך צעלאָזן איבער די אָרעמסטע הייזער פון שטאָט. איצט זיינען די זומפּיקע שימל־גרינע ברעגן פאַרשוווּנדן. דאָס וואַסערל ציט זיך גלייך, ווי אַ שורע פון אַ ליד. לויטער און געזונט ריזלט עס, שטיל־שטיל זינגענדיק איבערן געלעגער פונעם שטיינערנעם קאַנאַלעכל... מענטשן האָבן דאָ געהאָרעוועט, שוויים פאַרגאָסן, מענטשלעכע לעבנס געראַטעוועט און קולטור פאַרפעס־טיקט. און אָט דאַנעבן —

אַ גאַנצע אָפּגעברענטע כאָרעווע גאַס! נאַקעטע קוימענס שטרעקן זיך אַרויף אָנגעשטרענגט, ווי העלדזער פון באַשעפענישן, וואָס ווילן אַ שעפּ טאָן אָטעם, אַרויסראַטשקעווען זיך פון דער דערדריקנדיקער אָנוואַלגעריש, פון דעם וויסטן כורבן אַרום. שטיינגעבליבענע הייזער, בלויז דאָ און דאָרט, פאַרווונדעטע, צעקאַלעטשעטע, קוקן צום הימל מיט לעכער אין די ווענט. גלאָצן מיט טירן־פענצטער־הוילקייטן צום דרויסן, צו דער וועלט און קלאָגן זיך שטום אַף זייער בראָך... זי האָט שוין אַזעלכעס געזען אין וואַרשע. נאָר דאָ איז דאָך די היים! היימישע צאָרעס... ווען זי

איז נאָך אַ ברעקל געווען, האָט איר די מאַמע דערציילט, אַז שפּינען האָבן געברענגט פייער צום ביים־האַמיקדעש. דערפאַר איז אַ שפּין טאַמע. ס׳איז נישט כאַל אַף איר קיין צאַר־באַליי־כאַים. מע דאַרף זי מיט די טריט צעקוועטשן. די הייִנטצייטיקע שפּינען האָבן אָפּגעטאָן אין מעשעך פון שאָען, אין מיגוטן עפּשער, וואָס די צייט וואָלט נישט אָפּגעטאָן אין יאָרן. ווער וועט די דאָזיקע שפּינען צעטרעטן?

...ווּ זשע איז זי איצטער? אַהאַ! די פּיס אַליין האָבן זי געפירט צום „טומע־געסל״. דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דער קאָשציאָל שטייט אין זיין גאַנצער שפּיציקער פאַריסנקייט נישט גערירט. פאַרכווישעכטער בלויז. אויך זיין נידעריקער, דיקער, יוסטער שטיינערנער פּאַרקאַן איז גאַנץ. בלויז דאָס גרינס פון זיין בלעכענעם באַדעק איז אָפּגעשפּרונגען, און ער זשאַווערט ברוין. אויך זיין סאָד, מיט ביימער, באַוואָקסענע מיט קראָען־נעסטן — דער זעלבער. קראָען — די לופט רייסט זיך, קרעכצט פון זייער קראַקען.

איין דריי אַרויס זיך מיטן וועג־אויסבייג און זי וועט זיין אינעם יידישן שטאָט־טייל, אין איר היים־געסל! נאָר וואַרט!.. דאָס האַרץ טוט אַ זעץ, אַ יאָג אַ כוואַליע היץ אין שאַרבן אַריין. אין קאָפּ טוט זיך אַ צעקלונג אַ גלאָקן־אַליאַרם (דער קאָשציאָל שטייט אין אים?) ווי צו אַן איימעדיקער סרייפע: ווער איז עס דאָרט קענגאיבער אַפן טראָטואַר?!

אַ שווערער מאַנספּאַרשוין שאָטנט זיך דאָרט צווישן די דיקע שטאַמען פון די קאַשטאַן־ביימער. עפּעס האָט זי שוין פריער געזאָגט. נאָר די ווידערגעבוירענע זיכרוינעס און די רעגנדיקע געפילן האָבן זי פאַרשלונגען. פון וועלכער זשע גאָס שלעפּט ער זיך איר נאָך? און וואָס איז דער צוועק פון זיין אַפּציען? ניין, דאָס איז נישט קיין צופעליקער פאַרביי־גייער. רעכט, אַז דאָס איז דער אייגענער, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק, אַפן צוג, געפאָדערט פון איר די קען־קאַרטע. רעכט, אַז ד ע ר, וואָס האָט נאָך נעכטן באַטאָג, ווען דער צוג האָט גערירט פון וואַרשע, באַטראַכט איר קען־קאַרטע. רעכט גאָר ס׳איז ד ע ר, וואָס האָט זי נאָך נעכטן גאַנץ פרי פאַרהאַלטן בא דער באַן־קאַסע... מיט פאַרשיידענע מיסעס ברענגט אום דער מאַלכעמאָוועס, נאָר ער אַליין איז טאָמיד דער זעלבער.

וואָס טוט מען? זי שלייכט — דער מאַלכעמאָוועס שלייכט איר נאָך

קעגנאיבער. זי שטרענגט אָן איר ווילן, און די ליפּן פּרעפּלען אַף פּויליש:

— איך בין מאַריאַ איוויצקאַ. מאַריאַ איוויצקאַ. אַ פּאָליאַטשקע. אַ קאַטאָליטשקע. אַ נאָנע.

נאָר איצט קומט פון דעם זעלבסט־היפּנאָז גאָרנישט אַרויס. כאַיעלע עדלמאַן גיט זיך נישט אונטער. דער היימישער אַרום שרייט: — ס'אַ ליגן!

וואָס זשע קאָן איר איצט ראַטעווען? ווערטער וועלן ווייניק זיין. עס דאַרפן קומען פון איר זייט מאַיסים. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? זיך איבערציילעמען? עס הייבן זיך נישט איצט די הענט דערצו. גיט זי זיך דעזיגנירט איבער אין רעשוס פון די פיס. זיי האָבן ביז אַהער געפירט, זאָלן זיי ווייטער פירן.

די פיס טוען זי ענערגיש אַ פאַרקערעווע... צום מאַלכעמאָוועס?! ניין. קווער איבערן ברוק, צום קאָשציאָל. און גלייך איז איר קלאָר די כאָכמע פון די פיס, וואָס פירן אָמאָל בלינדערהייט אַרויף אַפן דערעך־האַיאָשער. זי פאַרשפּאַרט זיך שוין אָנצושטרענגען. זי, מאַריאַ איוויצקאַ, אַ קאַטוי־לישע נאָנע, גייט מיטן פרימאָרגן אָפּריכטן אַ טפילע. אַ האַרציקע טפילע פאַר איר בען־יאָכיד, פאַר איר סטאַכן, וואָס האָט אָוועקגעלייגט זיין יונגן קאָפּ, פאַרן הייליקן פאָטערלאַנד. דערנאָך וועט זי גיין אַפן ערד־בערגל, אונטער וועלכן ער רוט אין אייביקן שלאָף. זי וועט אים אָפּגעבן אַ האַר־ציקן פאַרבענקטן גרוס פון זיין שוועסטערקינד, זיין קאַלע, וואָס טרויערט נאָך אים, פון אַנאַסטאַזיאַן, און פון זיין מומען, וואָס האָט געזאָלט ווערן זיין שווינער, פון איר שוועסטער יאַדוויגאַ.

און אַ באַרויִקטע, מיט אַ דינעם ציטער פון ערפורכט בלויז, שלייכט זי אַריין דורך דעם צוגעלענטן טויער אין קאָשציאָל. זי ווערט אָפּגעע־טוווּלט אין זיין פייערלעכער שטילקייט און שאָטנדיקער טונקלקייט (בלויז געציילטע ליכט פלעמלען און שפּיזלען דורך די בלאַסע טאָג־שיין, וואָס זייט זיך באַלאַכסן אַראָפּ פון אויבן). מיידלווייז האָט איר אַהער אַריינגעפירט איר פּוילישע כאַווערטע, יאַסיאַ ווערטאָוונאַ. זי איז זיך איצט נויהעג פינקטלעך, ווי יאַסיאַ דעמאָלט, ווי לעצטנס אין וואַרשע זי אַליין מיט דער שוועסטער יאַדוויגאַ. זי קניט, ציילעמט זיך, בוקט זיך, פאַלט צו מיטן שטערן צום באָדן, און פּרעפּלט נאָכאַנאַנד.

די פייערלעכע שטילקייט צעלאָזט זי אין זיך. זי צעגייט אין איר. זי הערט עקזיסטירן...

שווערע טריט, וואָס פירן פון קאַשציאַל אַרויס (ווי זיי וואָלטן געטרעטן איבער איר רוקן), וועקן זי פון איר פאַרגעסנקייט. דער לעצטער טראָט גייט פון איר אַראָפּ. זי דרייט אויס באַהיט-דערשראָקן דעם קאָפּ און פאָרשט מיטן אָנגעשטרענגטן בליק. אַ פּאָר שטיוול שפּאַנען אַרויס דורכן טויער אין דער דרויסנדיקער ליכט אַריין... איז דאָס געווען די בעסטיע? איז עס אינדרויסן אַ בעסטיע געווען? סייווי... און עס ווערט איר אַזוי לייכט אַפן געמיט, ווי אַ טיף־גלויביקן נאָך אַ דוויקעסדיקער טפילע. לייכט הייבט זי זיך אויף און שלייכט-שוועבט אַרויס צום דרויסן. אַף דער שוועל בלייבט זי שטיין אַן אויגנבליק און שאַרט מיט די אויגן אַרום. דאָס געסל איז ליידיק. זי מאַכט אַ טראָט פאַרויס און דערפילט זיך, ווי אַ געטרייער ווינט וואָלט זי אַ כאַפּ געטאָן אַף ווייכע פליגל. ער טראָגט זי אַרויס פונעם „טומע־געסל" אין דעם יידישן שטאָט-טייל אַריין.

איר היים־געסל! אַ פרייד-כוואַליע טוט אַ פלייץ פון איר, באַגעגנט זיך מיט אַ פרייד־כוואַליע, וואָס רייסט זיך צו איר פון דרויסן, און זיי גיסן זיך צוזאַמען. — היים מיינע! — שרייט זי אין ראַיען. — כאַיעלע עדלמאַן! — הערט זי אין געדאַנק שרייען די היים צוריק.

זי בלייבט שטיין. די הייזער טוען זיך אַ צעטאַנץ, און אַ צעברעך, און אַ שיט זיך אַריין אין אירע גרויס-געוואָרענע ליכט־אָנגעגאָסענע אויגן — אַזיערעס, באַגאָסענע מיט בלענד פון זון. ס'איז אַזוי איינגענומען־ענג אין קערפּער, אַז ס'דוכט זיך — באַלד וועט ער אין זיסן צאַר אויפגעריסן ווערן. פון צופיל ליכט ווערט פאַראַמאַל פינצטער אַרום און אין זיך...

ענלעכס האָט זי אַמאָל איבערגעלעבט בעייסן גיין צו קינד... — מאַזלטאָוו אייך, געווינערן! — טוט פריידיק אַ שעפּטשע איר טיף אין געהער אַריין אַ האַרבסטיק ווינטל. דער גוף ווערט פאַראַמאַל פריי, לויז, עלאַסטיש און לייכט. דאָס ליכט קערט זיך אום צוריק אין די אויגן. זי איז פון דער פינצטערניש פון יענער וועלט אַרויסגעקומען צוריק אַף דער שיין פון זון און לעבן... האָט זי געבאַלעשט?

און ווידער טוט זי דער געטרייער ווינט אַ כאַפּ אַף די ווייכע פליגל און טראָגט זי, ווי אַ צעפּעדערטע קוואָקע, איבערן היים-געסל.

און איידער נאָך זי באַוויזט צו באַנעמען:

...די טויטע שטילקייט אין גאַס; דעם העפקער פון אויפגעפּראַלטע טירן־פענצטער; די איבערגעשראָקנקייט פון גלאַנצנדיקע שויבן; אַ שנייִדיק געוויין, אַ קאַל-נידריידיקס, פון ערגעץ אַ בוידעם אַראָפּ; אַ דולן פאַרביילויף פון אַ מאָגערן צעפּאַטלטן ייִדן מיט אַ הוילן קאָפּ, מיט ווילד-איבערגעקערטע אויגן, מיט קאָנוווּלסיוו־צעפּאַרענע אייוורים, ווי אַ נישט־דערקוילעטער האָן פון אונטערן כאַלעף אַרויס, —

איז זי שוין באַ זייער שטוב.

— ט. —

זי פאַרהאַלט דעם ווינט, וואָס טראָגט זי. פאַרוואָס לויפט זי גלייך נישט אַריין דורכן גלעזערנעם גאַניקל? דאָ, איבער דער פעדערשטער טיר, איז אַמאָל געהאָנגען אַ גלעקל. ס'וועט אָנהייבן קלינגען, ווי אַ קלויסטער־גלאָק צו אַ סרייפע. און ווער ווייס (אַז ווינד און ווייִ איז צו איר געבראָכן געמיט!), וואָס פאַר אַ מינים פרעמדע מענטשן עס וועלן אַרויסלויפן איר אַנטקעגן, ווי אַף בייז וווּנדער. גייט זי בעסער מיט צוריקגעהאַלטענע טריט צו דער הינטער-טיר און שלייכט אַריין.

די קיך, מיט אָפּגעליידיקטע, נאַקעטע ווענט, איז קאַלט-וויסט, אָן אַ סימען פון אַ לעבעדיקער קויל אין פּליטע, אָן אַ וואַרעמען הויך. און זי שלייכט ווייטער.

דאָס שלאָפצימער, מיט אַ נישט-צוגעקערטער שטויביקער פּאָדלאָגע, וואַכט מיט פאַרכוישעכטן צעוואָרפענעם בעטגעוואַנט אין די בעטן... און די שוועסטער, זעלדע, איז דאָך טאָמיד אַזאַ באַלעבאָסטע געווען, אַזאַ צוכט! וווּינען שוין דאָ טאַקע פרעמדע מענטשן?

זי שלייכט צו מיט פאַרשפּאַרטן אָטעם צו דער זאַל-טיר און דערזעט דורך דער אָפענער שפּאַרונע: גאָט אין הימל! אַלע! זיינען זיי דאָ! האַרציקע מיינע!

אָן אויסגעשריי פון יובל-פריידּ און פינצטערער פאַרצווייפלונג ווערט געליימט אין איר אויסגעטריקנטן האַלדז. זי דערהאַלט זיך קוים אַף די פיס, וואָס ווערן שווער, ווי באַהאָנגען מיט געוויכטער, און געבן זיך אַ זעץ אַראָפּ באַ די קני מיט אַ סקריפּ פון אָנגעצויגענע טרוקענע אָדערן. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט לענט זי אָפּ די טיר, טרעט אַריבער

די שוועל, ניט באַמערקט ווערנדיק פון קיינעם. זי שאַרט זיך מיטן רוקן פּאַזע דער וואַנט און בלייבט שטיין אָנגעשפּאַרט אַף איר מיט דער פּליי־צע, ווי אַ שאָטן, נישט ווייט פון דער טיר. אירע גלידער זיינען אָפּגענו־מען, פאַרשטאַרט. בלויז דאָס קוישל אַפן לינקן אָרעם ציטערט קוים־קוים. איר באַוווּסטזיין אָבער איז וואַך, שטייף און אָנגעשטרענגט. איר לייב און געביין איז אַ טייל פון דער וואַנט, איר באַוווּסטזיין — דער וואַנטס אויג, אויער און פאַרשטאַנד.

...דער קיילעכדיקער טיש איז הויל, טישעבאָוועדיק. עס ליגט אַף אים צעוואַלגערט אַן אויפגעבלאָזן־צעפּאַלדעוועטער פאַרגעלטער טאַלעס מיט שוואַרצע פּאַסן. פון זיין געפּאַלדעכץ שטעקט אַרויס אַ פּאָר אָפּגע־קראָכן־שוואַרצע טפילן־שטיבעלעך מיט צעשלענגלטע רעצועס. באַם טיש מיטן רוקן צו איר, מיט אַ הוילן פאַרוואָקסענעם, נישט־צוגעקעמטן קאָפּ, שטייט אַרן. אַרן! נישט שוין זשע האָט ער נאָר וואָס געדאַוונט? אָן אַ היטל אַפן קאָפּ? זיין באַק, וואָס צו דער פענצטער־שיין, אַ לאַנג נישט־געראַזירטע, גלאַנצט מיט ווילדער זילבער־האָריקער באָרדיקייט. ווי אַ דערנע הענגט אַף אים די ברוינע פּיזשאַמע־בלוזע. זיין רעכטער עלנבויגן איז אַרויפגעהויבן און דריגעט... ער האַלט, הייסט עס, די פינגער־שפּיצן צווישן די ציין און בייסט די נעגל, ווי טאָמיד, ווען עס קאָכן אין אים די געבליטן. סאַקאָנע!.. פון צווישן זיינע אויסגעריבן־גלאַנציקע הויזן און די שטעק־לאַטשן ווייסלט זיך אַרויס אַ שטיקל עלנט באָרוועסקייט. מיט אַ פאַרלעגערט קאָל רעדט ער עפּעס פון צווישן די פינגער־שפּיצן צו זעלדען.

די שוועסטער, זעלדע, שטייט צו איר פּאָנעם־על־פּאָנעם. שוועסטער מיי־נע!.. אירע קלוגע אויגן, ברייט־פונאַנדערגעעפנטע און פון דער טיף פּאַ־כענדיקע מיט זשאַר, האַלטן זיך אַף אַרנס פּאָנעם. זיי גרייכן נישט אַהער. איר פּאָנעם איז בלייך מיט דער ווייסקייט פון גלי. פון דער בלייכקייט זשאַריען אַרויס אירע מאָגערע פאַרשפּיצטע קינבאַקן. זי ברענט: סאַקאָנע! דאָס גלי־ווייסקייט פון איר הויט איז צוזאַמענגעגאָסן מיט דער שניי־ווייסקייט פון אירע שיטערלעכע האָר, וואָס זיינען אַף איר קאָפּ־שפּיץ פאַרקנוילט אין אַ פאַריאָסעמט קובליקל.

צווישן זעלדען און אַרענען זיצט באַם טיש געבויגן אַ מאַנצביל. זיין קאָפּ, אין אַ ווייכער צעקנייטשטער שליאַפּע, ליגט איינגעגראָבן אין זיינע קוויטיקע העמד־אַרבל, וואָס גיסן זיך צוזאַמען מיט דער געלקייט פונעם

צעוואַלגערטן טאַלעס אפן טיש. אפן געבויגענעם רוקן זיינען אים נאָכגע־לאָזט די שליקעס. ס׳איז אוואדע דער שוואָגער, פּינכעס. דרימלט ער עס נאָכן דאַווענען? ניין. ער קנייטשט זיך, קאָרטשעט זיך אפן אָרט. אפּאָ־נעם, אז זיין אויער, פאַרבאָרגן הינטערן ראַנד פון דער שליאַפּע. הערט זיך אָנגעשטרענגט צו צו אָרנס און זעלדעס גערייד, וואָס זייט זיך אי־בער זיין קאָפּ, אויסגעמישט מיט דעם ליכט פון פענצטער.

זי, באַיעלע, ווענדט אהין דעם בליק. אָנגעלענט, ווי זי, מיטן רוקן אַף דער וואַנט באַם ביישטידל פון פענצטער, מיטן פּאָנעם צו אָרנס באַ־לויכטענער באַק, שטייט פאַליק, מיין בכאָר, מיין טייערער!.. דער שקאָצע־וואַטער קוטשער — צעשויבערט־פאַריסן. דאָס איידעלע, מאַט־בלאַסע פּאָנעם — אָפּגעצערט, אויסגעצויגן און שטרענג. די אויגן — אָט צינדן זיי זיך אָן, און אָט לעשן זיי זיך אויס, קעדיי באַלד זיך ווידער אָנצו־צינדן; זיי פיבערן אונטערן נערוועזן צוק פון די לאַנגע ברעמען... די סאַ־קאָנע צעבלאָזט אין זיי פייער־קוילן! די קינביינער שפּילן אונטערן לייב. דאָס קליינע מויל — געשלאָסן אקשאָנעסדיק. די הענט שטעקן אים אין די הויזנקעשענעס. ווי ער וואָלט אויסבאַהאַלטן פויסטן. אָט טוט ער זיך א לאָז מיט א־מפּעט און ברען קעגן מערדער!.. ווי שיין דו ביסט איצט, בכאָר מיינער! ווי שווער עס איז איר, אוועקצורייסן פון אים דעם בליק! נאָר די איבעריקע קינדער וואַרטן דאָך אַף אים, אפן בליק.

באַ דער וואַנט אַביסל ווייטער, צווישן די פענצטער, זיצט אַף א שטול, אַריינגעזונקען אין זיך, שעפטל. טייערער, האַרציקער זון מיינער! ליבער פּראָסטאַק מיינער! זיינע ברייטע ביינערדיקע אַקסלען — אַראָפּ־געזעצט, און ס׳הענגען נאָך פון זיי אומנייטיק און איבעריק די „פרעמ־דע" גראָב־הויטיקע באַלמעלאָכישע הענט. דאָס פּאָנעם — מיזערנע און פאַרכווישעכט. די אויגן טריב, ווי אָנגעפּילט מיט רויך. דאָס מויל — אַביסל אָפן, טאַמעוואַטע. די אויבערשטע ליפּ מיט די וואָנצעלעך, ווי צו־געשוואַרצט מיט קויל — ציטערט, ציטערט. די אונטערשטע — נאַס־גלאַנציק, ציט זיך אַראָפּ מיט א סלינע־פּאָדעם, ווי ווייַנענדיק פון הונגער. ער גייט, נעבעך, אוים — עסן!.. וויי און ווינד איז צו דער מאַמען! אים שרעקט נישט די סאַקאָנע... דער הונגער מאַכט אים אין איר פאַרגעסן.

און וווּ איז יאַנקעלע? דער מיזינעק מיינער? דאָס קינד מיינס? אָט! — עס גלאַנצן זיינע גרויסע קאַצענע אויגאַנעס, צעגאָסן איבער זיין

גאַנצןברייטן האַרציקן מאַלפּע-פּאָנעם; אויגן, פולע מיט פאַרשטאַנד;
אויגן, וואָס נישט נאָר זיי זעען — זיי פאַרשטייען די וועלט. נישט אום-
זיסט האָט אים אַרן צום ליבסטן. ער ליגט פאַרשאָטנט, יאַנקעלע, אַף דער
קאַשעטע אינעם שטוב-ווינקל — אַן אָנגעטוענער, נאָר אַ באָרוועסער. מיר
זאָל זיין פאַר דיין מינדסט פינגערל! און ווער איז עס דאָרט באַ זיין צו-
פוסנס? אין דער קעגנאיבערדיקער טיר-נישע, אין שאָטן פון אַ טונקעלן,
שווערן, אויסגעטעפעטן און צעדריוולטן גאַרדין, שטייט אַ מאָגערער מאַ-
נעקין אין אַ לאַנגן שלאָף-העמד מיט געלבלעכע פלעקן פון פאָרגט. ווער
איז עס? לייווי. דער שוועסטערס בען-יאָכיד. „איינס און אַ רעכטס”, ווי
די שוועסטער האָט איר אַמאָל מיט ביטערניש געזאָגט. אין זיין ליימיקן
פּאָנעם, ווי אַרומגעקלעפּט מיט באָרדיקער פוכיקייט (ער איז עלטער פון
פּאַליקן מיט פינף יאָר), גליווערט אַ שמייכעלע, ווי אַ גלאַנציקע ראָזשינ-
קע אין צעווירענעם טייג. עס גליווערן מיט גלאַנץ פון פּאַרצעליי זיינע
אויגן. עס גליווערט דאָס ברייט-צעעפנטע מויל און אַף דער אונטערשטער
ליפּ גליווערט אַ טעמפּער שפּיץ צונג. אַ גוילעם!

איר בליק ווענדט זיך צוריק צו די אייגענע קינדער. ווי עס רייסט
זיך צו זיי, אין פרייד און אין טרערן, איר נעשאָמע. ווי עס שרייט צו זיי
איר לעצט ביסל בלוט. ווי עס ציען זיך צו זיי אירע הענט. נאָר זי איז
אומעכטיק, ווי אַ געפּענטעטע קליאַטשע. זי איז מיטן רוקן אַריינגע-
וואַקסן אין דער וואַנט... וואָס ריידן זיי?

— ס'האָט קיין זין נישט צו גיין, — זייט אַרן דורכן בייסן די
נעגל, ווי עפּעס מיט אַ פרעמד קאָל, אַן איבערגעברענטס: איך בין שוין
גוט אָנגעלערנט, וואָס אַזאַ איידל דייטשיש פאַרבעטעכץ באַטייט — קום,
יודע, אַ מיסע-מעשונע איינעמען! אין ריבעשויוו, ווהין איך בין גע-
קומען צו גאַסט אין ניינאונדרייסיקסטן יאָר, זיך אַריבערצופּעקלען דעם
בוג, ווי עס איז געשען? אַ קיילעכיקע נאַכט האָב איך זיך געבאָדן קראַט-
קיוויק אין אייגענעם שוויים: יאָ גיין? נישט גיין? יאָ גיין! ניין, נישט
גיין! אינדערפרי ווען אַלע שטוביקע זיינען אַוועק, האָט דאָס האַרץ מיר
נעוויעם געזאָגט: גיי נישט צו דער אַקיידע. און איך, דער גאַסט, בין גע-
בליבן איינער אַליין צווישן פרעמדע ווענט. כ'האָב געטראָגן די נעשאָמע
אין די הענט אַפן בוידעם אַרויף. קיינער פון די באַלעבאַטים האָט זיך
אַהיים, פאַרשטייט זיך, נישט אומגעקערט. באַנאַכט בין איך מיטן לעבן

אַנטלאָפן צוריק קיין וואַרשע צו ווייב און קינדער... גיין אַהין, וווּהין דער שעכטער רופט, הייסט באַגיין זעלבסטמאָרד. שעפּסן שפּרינגען אין פייער אַריין. איז באַשערט דער טויט (איך רעד שוין, ווי אַ ייִדענע), זאָל ער זיך מאַטריען זיין אַהער.

— אָבער נישט אויספּאָלגן אַ באַפעל, איז דאָך אַ זיכערער טויט. — אַקשנט זיך זעלדע, צושאָקלענדיק אָוולדיק מיטן קאָפּ: וווּהין ווילן מיר דערנאָך אַנטלויפן? צו דיינע ווייב און שוועסטער? אונדזער בלוט וועט דאָך דאָ באַשפּריצן די ווענט.

— זאָל עס. ייִדיש בלוט — כאָטש אָף ייִדישע ווענט.

— לייווי! — טוט זיך זעלדע פּלוצעם אַ ווענד, מיטן אָנבליק פון אַ פאַנאַטיש גלויביקן, מיט אַן אימפּעט, וואָס גאַרנישט לויט אירע קויכעס, צו דער טיר־נישע: בען־יאָכיד מיינער אומגליקלעכער! פון גאָט, אָף צאָ־רעס און פּיין פאַר טאַטע־מאַמע, אויסדערוויילטער! וואָס זאָגסטו נע־וויעס? פּאָלגן די גזירע? נישט פאָלגן די גזירע? זאָג, מיין קינד, זאָג. דער פעטער אַרן, דער קלוגער פעטער...

אַרן טוט פאַרצווייפלט־ביטולדיק אַ מאַך אַוועק מיט די ביז בלום צעביסענע פינגער. עס טוט אים אַ זעץ אַנידער אָף דער שטול הינטער אים, ווי אָף איר אַראָפּגעפאַלן. זי טוט אַ קרעכץ, די שטול, ווי אַן איינ־געבראָכענער צווייג.

פּינכעס, דער שוואָגער, הייבט אויף דעם קאָפּ מיט אַ מידן קרעכץ. זיין צעיוירן פּאָנעם קוקט מיט אַ פרעגנדיק־דערוואַרטנדיקן, ראַכמאָנעס־דיקן בליק אָפן מעשוגענעם זון. אויך די קינדערס אויגן זיינען געקערט מיט נייגיר אַהין (אין פאַליקס טליעט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע), גלייך ווי דער מעשוגענער לייווי וועט אָט־באַלד אַרויסזאָגן דאָס קלאָרסטע און קלוגסטע, וואָס קאָן נאָר געזאָגט ווערן.

— כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ! — רוקט זיך לייווי אַרויס אָף דער שיין, צעלאַכט זיך מיט ווילדער קעלבערנער היספּיילעס, און אין זיינע אויגן גייט פּלוצים אויף אַ שימער פון באַוווּסטזיין: אָט־אָ שטייט ער, דער מאַלכעמאָוועס, אָף דער שוועל פון אונדזער טיר, מיט אַ קווישעלע פאַר אונדזערע נעשאָמעס. אַ שוואַרצער. כאַ־כאַ־כאַ! די מומע כאַיעלע איז גע־קומען אָף דער כאַסענע צום אונטערפירן. זי וועט מיך פירן, דעם כאָסן־באָכער, צו דער שוואַרצער כופּע. היטלער — די קאַלע־מויד. כי־כי...

און ער גייט איבער אַף אַ געוויין. זי פילט, כּאַיעלע: איר נעשאָמע שקראַבעט אַ ריבאייזן פון שווידער. נאָר זי קאָן זיך אַלץ קיין באַוועג נישט געבן אין שטוב אריין. עס באַוועגן אויך נישט דעם מעשוגענעמס רייד קיינעם פון שטוב, אַפילע בלויז אַ קוק צו טאָן אַהער. מאַלע וואָס אַ מעשוגענער רעדט. און מע הערט זיך צו צו זיין ווייטערדיקן מעשוגענעם מאָלן.

— י. —

...שטייט זי דאָ אַזוי מינוטן בלויז? אָדער יאָרן גאַנצע שוין?

יאַנקעלע הייבט אונטער דעם קאָפּ פון דעם קאַשעטע־צוקאָפּנס און קוקט זיך ארום. זיינע אויגן פאַרהאַלטן זיך אַף איר. זיין בליק גיסט זי אָפּ מיט אַ שטראָם ליכט. אַ ליבן און לינדן, וואָס בלענדט נישט. זי זעט אַף זיין ברייטן מאַלפּע־פּאָנעם זיך צעשפּילן אַ גלאַנץ פון פרייד. נאָר גלייכצייטיק ברעכן זיך די שטריכן פון זיין אָנבליק מאַכמעס כידעש: ער גלייבט נישט די אייגענע אויגן. פון זיין קעל אַרויס רייסט זיך אָפּ אַ בינטל הייזעריק־כריפּעדיקע פּעדעם:

— טאַ־אַקע?... ליי־ווי. די מאַמע!

אירע טייערסטע קעפּ טוען זיך מיט איבעראַשטע פּענעמער האַסטיק אַ קער צו איר. אונטער אַרנס אַ רייסיקער באַוועגונג טוט די שטול ווי־דער אַ קרעכץ, נאָר ער בלייבט זיצן, האַלב געווענדט צו איר, פאַרגלי־ווערט.

זי רייסט זיך ענדלעך אָפּ, ווי אַ קלעפּיקער פּלאַסטער, פון דער וואַנט און שלייכט צו מיטן קוישל אָפּן אָרעם צום מיטן צימער. אַף איר פּאָנעם פּאַלט די פּענצטער־שיין. פון אונטער איר שוואַרצן קאָפּ־טיכל טיילט זיך אַרויס אַ ווייסע האָר־פּאַסמע, און דאָס ווייסע קרוציפיקסל — אַף איר האַלדז־גריבעלע. נאָר די הענט, וואָס גאַרן זיך אַ צערודער טאָן, אַרומ־נעמען, אַרומהאַלדזן, צודריקן, האָבן קיין שליטע נישט, די מינדסטע באַ־וועגונג צו מאַכן.

אַרן שטעלט זיך אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט צו איר און בלייבט שטיין קעגן איר פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אַ קאָפּ העכער. ער שטעלט אַריין די נעגל צווישן די ציין, גריזשעט זיי, קוקט אַף איר אַראָפּ מיט אוימגלויביקע

אויגן אונטער א פארמאכשאָוועטן שטערן: א פרעמדע זקיינע — זיין באיעלע?! ס'איז נישט ז י, און יאָ ז י . . . איר קליין קעפל מיטן אָפּגעצערטן שפּיציקן פּענעמל זעט אויס, ווי דער סאָפּרישער שין אַפן שעל-ראש; די ווייסע האָר־פּאַסמע — תגין. אירע ליפּן (אַמאָל פלעגט זי זיי פארשנירלען, זיי זאָלן, רויטגעפּארבטע און גלאַנציקע, ענלעך זיין אַף א פרישן ווייַנשל) זיינען בלאַס-בלוי, גלייך און שטרענג צוזאַמענגע־פּרעסט, ווי א פּאַסאַך... פּאַסאַך שין — שאַ! לייד און שווייג! ביסט א יידישע טאָכטער. א ווייב פון א ייִדן. א מאַמע פון ייִדישע קינדער.

ער האַלדזט זי אַרום, די פרעמדע זקיינע, זיין באיעלען. ער דריקט צום האַרצן זיין אַמאָל נאַריש ווייבל, וואָס היינט האָט זי א קלאַסטער־פּאָנעם פון א זקיינע א טאַלמידעס-כאַכאָמע. ער לייגט צו די ליפּן צו איר שטערן, נישט בלויז מיטן ליבע-געפיל צו א געטריי ווייב, וואָס גייט אַף מעסירעס-נעפעש פאַר מאַן און קינדער, נאָר אויך מיט דרערך-ערעץ און ערפּוכט... מיט אָט אַזאַ געפיל האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן באַרירט מיט די ליפּן דעם „של־ראש”.

ער באַפרייט זי פון די אָרעמס, נאָר עס לאָזט זי נישט פריי זיין בליק. ער בייסט ווידער די נעגל אין מאַכשאָוועס: נאָר...? וואָס טוט דאָ דאָס קרוציפיקסל אונטערן שין פון „שדי”?...

אַרומגערינגלט שוין פון אַלע, שטייט זי א מוואָלוועלע. אירע ליפּן צוקן. עס פאַלט פון זיי אַראָפּ, נישט קיין וואָרט, עפּעס א שאָרך, ווי פון פאַרוועלקטע טרוקענע בלעטער. אירע אויגן שטייען אומבאַוועגלעך, ווי בא א בלינדן. עס דרייט זיך אָן אַף זיי א פייכטער גלאַנץ, און זיי טריפן א טרער נאָך א טרער.

יאַנקעלע, דאַכט זיך, האַלדזט זי אַרום. ער גראָבט אַריין דאָס פּאָנעם מיט א שלוכץ אין איר אַקסלביין. זי זעט נישט גאָרנישט דורך א נעץ פון טרערן. ווי איר קאָפּ וואָלט געשטעקט מיט אָפענע אויגן אין וואַרע־מען וואַסער. אין די אויערן גליוועט א טויבער רויש. צו איר געהער דערגייען בלויז פאַרדומפּענע רייד. זי שטרענגט זיך אָן צו פאַרהאַלטן די טרערן און אויפוועקן די כושים.

— באיעלע. — גראָבט זיך ענדלעך אַריין אַרנס שטים אין איר געּ־הער און פאַרשטאַנד: און פריידקע? די שוועסטער מיינע?

ער מאָנט, אַרן. זי דאַרף צאָלן א כויוו, וואָס איז איבער אירע קויּ־

בעם אים צו דעקן. און... (א פינצטערניש גיסט זיך ווידער אריין אין איר באוווּסטזיין) — עמעץ ציט דאָס קוישל פון איר אָרעם. עס ליגט דאָך אין דעם דאָס ביכל, איר יוגנט! זי פאַרקרעמפּעוועט די האַנט און לאָזט עס נישט אַראָפּציען. נאָר די האַנט פאַרלירט פּלוצים די קראַפט, טוט אַ פאַל, און דאָס קוישל גליטשעט זיך אַראָפּ אַף דער פּאָדלאָגע. זי טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ, עס אויפצוהייבן — — —

אין טומל און געדראַנג אַרום דער פאַרכאַלעשטער, טוט זיך שעפּטל אַ בייג אַראָפּ, מיט איין האַנט אַ נעם דאָס קוישל און מיט דער צווייטער (ביגנייווע, זייטלדיק דעם בליק, צי קיינער קוקט נישט) גיך-גיך אַ כאַפּ אַ סוכאַרל, אַ פּאָר ריבלעך, די ציבעלע, פאַרקוועטשנדיק איינס נאָכן אַנדערן אין דער דלאָניע און אַ פאַרוק אין דער הויזנקעשענע. באַהיטעוודיק און פאַרשעמט רוקט ער זיך אַרויס אין קיך אַריין.

כאַיעלע דערפילט, אַ רייף דריקט צוזאַמען אירע אַקסלען. אַף איר פּאָנעם פּראָשעט אַ רעגן... זי זיצט אָנגעשפּאַרט אַף אַ שטול-פּאָרענטש. פאַר די אויגן — אַ קוואַרט און אַ נאַסע האַנט, וואָס שפּריצט אַף איר. אָפּגעפרישט און טיף אַריין — און אַרויסאָטעמענדיק, עפנט זי ברייט די אויגן. זיי טרעפן זיך אָן מיט אַרנס. זיי זיינען פול, אַרנס אויגן, מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי זעט אין זיי צום ערשטן מאָל פאַר זייער צוזאַמענלעבן. ניין, קיין פאַריבל איז אין זיי נישטאָ. קיין פירהאַלט אויך נישט. נאָר...? און ווען נאָך אַ לאַנגער פּויזע מאָנט ער נאָכאַמאָל:

— און פריידקע, כאַיעלע? זאָג...

איז זי שוין רויִק. זי זוכט בלויז וועגן דער שוועגערנס טויט אַזעלכע ווערטער, איידעלע, וואָס זאָלן וואָס ווייניקער וויי טאָן איר ברודער:

— פריידקע? דו ווייסט דאָך איר געוווינהייט איינמאָל... איז זי איינגעפאַלן. שוין. איז זי שוין אַנשלאָפן געוואָרן...

אַרן קוקט זי אָן אַ רעגע פאַרשעריש. זיין פרעגעניש זאַפּט זיך אַריין אין דער טיף פון זייִנע אויגן און פאַרגייט. נאָר זיין טאָנעסדיק ווילד-פאַרוואַקסן פּאָנעם צוקט, און ס'דאַכט זיך, אַז די האָר אַף דעם שטעלן זיך אויף מאַכמעס שוידער פון זיין געמיט. אָ, ער האָט זי גאָר שטאַרק ליב געהאַט, זיין טאָמעד פריילעכע שוועסטער, די אָקאָרע. זיין ברוינע פּיזשאַמע-בלוזע, אַ צעשפּיליעטע, אַנטבלויזט דאָס פאַרוואַקסנקייט פון זיין צווישן-ברוסט; די האָר, ווייס-געוואָרענע, זעען אויס, ווי... זאָלן. ווי

זאלץ אף דער וואונד פון זיין הארץ. נאר וואס קאן זי, כאיעלע, אים זאגן פאר א טרייסט אף זיין געליבטער שוועסטער? ער בייסט שוין ווידער די נעגל. מיט וואס לינדערן זיינע יסורים?

— אלצאיינס. — פירט ער אליין אונטער א סאכאקל: כאטש בא מיר אין שטוב אונטער מיין דאך.

— זי האט טאמיד גערעדט וועגן דיר, ארן. אירע לעצטע ווערטער: גיב איבער א גרוס מיין טייערן, מיין קלוגן ברודערל.

ארן שייפער טוט א פארמאך די אויגן, ווי פון אנטציקונג, קעדיי צו זיין א רעגע אליין מיט דער געשטארבענער שוועסטער. און נישט נאר ער דערזעט זי, ער דערהערט זי אפילע: איר „וויא-א." און איר „טפר־ר־ר.", בעייסן קאכן דאס פערד-פלייש אין די הונגער־טעג אין ווארשע, און איר געלעכטער, בעייסן ארייטראגן די פארענדיקע יויך: „מאכט א ווארע..." אף זיין פאנעם מיט די געשלאסענע אויגן טוט א צוק א שמייכל:

— מיין פריידקע לאכט צו מיר פון קייווער ארויס. — זאגט ער שטיל, אויפעפענענדיק די וויעס.

— וועט טאקע, מיטן אויבערשטנס הילף, זיין גוט, — טוט א ווארטשע פינכעס וויאטרינסקי און נעמט זיך ארומוויקלען די רעצועס ארום די באטים.

— מאמע. — צעקושט זיך מיט איר פאליק און זאגט מיט דער געזעצטקייט פון א דערוואקסענעם, כאטש דער טאטע איז דא דערביי: האסט גוט געטאן, וואס ביסט געקומען.

— און שעפטעלע? ער האט זיך שוין צעקושט מיט מיר? — איז זי נישט זיכער.

נאר דא טוט א פאל צו צו איר זעלדע. זיי קושן זיך און רייסן זיך אפ. קושן זיך און רייסן זיך אפ. אט דאכט זיך, וועלן זיך באביידן אויסלאזן די קוייכעס, און זיי וועלן ביידע פאלן אין כאלאשעס.

דער שוואגער האט אוועקגעלייגט איין ארומגעוויקלטע טפיל, גייט צו צו איר און צעקושט זיך אויך.

— לייווי מיין קינד. — קומט צו צו אים די מוטער און גלעט אים איבערן קאפ, ווי א קליין קינד: קינד מיינס, גיי און צעקוש זיך מיט דער מומע כאיעלע.

לייווי זייטלט א כשאדיק-פארשנדיקן בליק אף דער מומען. די שטיל-

קייט, וואָס ווייעט פון איר געשטאַלט, באַרויִקט אים. זיינע אויגן לייכטן אויף. דער שפּיץ צונג קריכט אַריין אין מויל. די ליפּן שליסן זיך צו. ער שטרעקט אויס די הענט און דערנענטערט זיך צו איר. זיי נעמען זיך אַרום און צעקושן זיך איינמאָל און צוויימאָל.

— גאָט אין הימל! — שרייט אויס זעלדע: האָסט אים צוריק צום קלאָרן סייכל געבראַכט. מיין זון! מיין בען־יאָכיד!

זי טוט אַ פאַרברעך די פינגער, אַ פאַרשטעק זיי אין קאָפּ און קוועטשט אויס מיט זיי פון די ווייסע האָר איר שוואַרצע פיין:

— איצט... ווען ס'איז עפּשער גלייכער פאַר געזונטע דעם זינען צו פאַרלירן.

— כי־כי־כי! כי-כי־כי! די מומע כאַיעלע. אַ ליב כאַיעלע מיט בייזע נעגעלעך, — הייבט לייווי ווידער אָן פּלאַפּלען, ווי אַרויסצופירן די מאַמע פון איר טאָעס און איר זיסער פיין. מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי שטעקלעך, באַוועגט ער זיך לאַנגזאַם, ווי אַ לונאַטיק, צו זיין פריערדיקן פּלאַץ. עס שטייט שוין דאָרט ווידער אַ מאַנעקין, און זיינע ווייס־פאַרצעלייענע אויגן גלאָצן אויף דער מומען. ער רעדט אין זיך אַריין:

— אוראָם אווינוּכע. אווראָם אווינוּכע איז געקומען פירן די בען־יאָכידם צו דער אַקיידע. אַקיידע. אַקיידע. אַקיידע. אינעם קוישעלע — האָלץ און פייער פאַרגרייט. און דאָס מעסער ווּ איז? דאָס לאַנגע מעסער. דאָס לאַנגע מעסער. באַ היטלערן פאַרגעסן? אַ? כי־כי! כיק! וועט קומען אַ יי ן ווידער. נאָך אַ ווידער. אַ דריטער ווידער. דריי בען־יאָכידלעך! פאַליקל, שעפּטעלע, יאַנקעלע. כי-כי! כאַד-גאַדיאָ, כאַד־גאַדיאָ... אָט איז שעפּטעלע. ס'האָט שוין גענאַשט דאָס ציגעלע. שעפּטעלע, באַלעקט די ליפּעלעך. צו קושן זיך מיט אווראָם אווינוּכען...

— שעפּטעלע. — שטרעקט די מאַמע אויס די הענט צום פאַרשעמטן זון, וואָס זיינע אויגן זיינען פאַרשטאָכן אין דער פּאָדלאָגע, אויף דעם אָרט, ווּ ער האָט געגאַנוועט.

נאָכשפּירנדיק שעפּטלס בליק, דערזעט דאָרט אָרן אַ צעוואַלגערט ביכל. אויס לאַנגיאָריקער דערעך־ערעצדיקער באַציִונג צו סייפער און בוך, בייגט ער זיך איין און הייבט עס אויף. אויס שטענדיקער געוווינהייט טוט ער עס אַ בלעטער און אַ קוק אַריין אין דעם. אַהאַ! פּרוגס לידער. ער לייגט עס אַפּן טיש... נישט איינמאָל, טוט ער אַ טראַכט מיט כאַ-

ראָטע: האָב איך זיך געבייזערט אַף איר פֿאַר דעם ביכל: „מע דאַרף נישט לייענען קיין ביכער, וואָס מאַכן וויינען. אַ מאַמע אַוואַדע נישט. מע מאַכט קאַליע די מילך אין די ברוסטן. ס׳אַ פֿאַרברעכן קעגן קינד.״ האָט זי, באַיעלע, פֿונדעסטוועגן (באַוווּנדערט ער זי, צוקוקנדיק, ווי זי קושט זיך מיט שעפּטלען) סיי דריי זין דערצויגן, סיי דאָס ביכל, אין די גרינסטע געפֿאַרן, פֿון דער האַנט נישט אַרויסגעלאָזט. ווייזט אויס, נישט נאָר מאַכן וויינען קאָן דאָס בוך, עס האָט אין זיך אויך אַן אַנדער קויעך.

אין דעם מאָמענט טוט אַ רעד פֿון דער וואַנט אַראָפּ דער הייזעריקער זייגער. באַיעלע טוט אַ ווענד צו אים איר בליק, און דערקענט — אַן אַלטער פֿריינט. נאָך פֿון אירע גימנאַזיע־יאָרן. נישט געאיילט, ווי אַ זאַקן, שלאָגט ער אויס, דער זייגער, אַ קלונג נאָך אַ קלונג. נאָר... וואָס זיינען דאָס אַלע פֿאַרשטיינערט געוואָרן אין שווייגן? אויך שעפּטל, וואָס זי האַלט אים נאָך אַרומגעהאַלדזט, האָט אויסגעדרייט צום זייגער אַ דערשראָקן פּאָנעם. אַלעמענס פּענעמער הענגען אַף זיין פֿאַרגעלטן ציפֿערבלאַט, אויפֿגעשטאָכן אַף זיינע שוואַרצע ווייזערס. און ליפּן באַוועגן זיך פֿון זיך אַליין, ווי מע ציילט לעצטע מינוטן פֿון לעבן:

— פֿינף. זעקס. זיבן. אַכט. ניין.

— יא. —

— אין פּערציק מינוט אַרום, פֿינקטלעך, דאַרף מען זיין אַפֿן אָרט.

— פֿאַרברעכט זעלדע די פֿינגער מיט די רעוומאַטיש־סענקעוואַטע געלענקען: וואָס פֿאַרט טוט מען, שוואָגער לעבן? וואָס טוט מען? מע דאַרף זיך באַשליסן.

— וואָס טוט מען, שוועסטערקע? וואָס טוט מען? — פֿאַרקערעוועט זי מיט די פֿאַרבראָכענע פֿינגער צו באַיעלען, ווען דער שוואָגער טוט בלויז איינס — ער בייסט די נעגל און שווייגט: ס׳איז באַם ציגל־זאַוואָד אַזש, אַפֿן קראָען־פֿעלד.

— האַרציקער גאַסט מיינער. — בייט זיך איר טאָן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג אַף ביטער־איראָנישער פֿאַרשולדיקטקייט: מיט וואָס פֿאַר אַ שיינעם לייטישן קיבעד איך נעם דיר אויף, שוועסטער.

— דו קומסט דאָך ערשט פֿון וואַרשע, שוועגערן, — וואָרטשעט

פינכעס וויאטרינסקי, שיקלענדיק מיט אן אויג, אוים לאנגיעריקער גע-וואוינהייט, אפן ווייב, צי רעגן איר נישט אויף זיינע רייד: אט גיב טאקע דו אן אייצע, וואס דארף מען טאן. מירן דיר פאלגן.

— אז בא אלעמען זיינען אפגענומען די צינגער! — גיט ער בייז אנצוהערן אף עמעצן, וואס ס'איז לייכט זיך אנצושטויסן, ווען דאס מיינט, ווען ער פירט אוים: אן אייצע קאן מען דען ארויסזייגן פון די פינגער?

— כאיעלע! — טוט זיך זעלדע אינמיטנדרינען א כאפ, אוים גע־וואוינהייט איבערצושלאגן פאר לייטן דעם מאנס גראבע, אומגעלומפער־טע, נישט קלוגע רייד: וואס פאר א „צירונג" איז עס דא בא דיר אפן האלדז? דאס זאל עס זיין א שמירע פארן טויט? ריים עס אראפ פון זיך.ווארף עס הינטער זיך... מיר שטייען עפשער באלד פאר גאטס מישפעט.

זעלדעס כריפלע קאל איז דורכגעזאפט מיט שוועסטערלעכער הארציקער באזארגטקייט און מיט דער פאנאטישער געהעצטקייט פון ארנס מאמע, די שוויגער, אלוועשאלעם. נאר איצט רעגט עס איר נישט אויף, כאיעלען. מיט געזעצטקייט און רויקייט, וואס שטילט איין און מאכט שאלעם, ענטפערט זי איבערצייגנדיק:

— שוועסטער מיינע. איך בין א יידישע טאכטער. איך גיי דערפאר פרייוויליק דעם טויט אנטקעגן. כ'וויים אויך, וואס דער ציילעם האט אנגעטאן יידן. דער האקנקרייץ. נאר ד א ס וועל איך נישט אוועק-ווארפן. ס'איז א מאטאנע פון א גויע מיט א מענטשלעך הארץ, א... יידיש הארץ. ווען נישט י ע נ ץ הארץ און דאס קרוציפיקסל, וואלטן מיר זיך איצט נישט געזען. וואלט איך זיך מיט מיין מאן און קינדער נישט אנגעקוקט.

— אז כאיעלע איז פון ווארשע דערפארן אהער בעשאלעם, — ווארטשעט פינכעס וויאטרינסקי מיט כאניפע אין קאל און טעלערלעקע-רישקייט אפן פאנעם: איז דאך נאכנישט, אפאנעם, הימל בא דרערד.

עס טיקטאקעט טרוקן און אכזאריעסדיק דער זייגער פון דער קאלט־שטומער וואנט אראפ.

— נישט כאיעלע שייפער, — באקומט ער נאך א דריקנדיקער פוי־זע א טשוווע: נישט כאיעלע שייפער איז בעשאלעם דערפארן, נאר מאריא

איוויצקאַ. מאַריאַ איוויצקאַ, אַ זעכציק-יעריקע קאַטאָליטשקע, מיט אַ קרוי-ציפיקסל אויפן האַלדז, מיט אַ טפילה־בוך און „רויזנקראַנץ״ אין קוישל. אַ מומע אַנאַסטאַזיאַס, וואָס האָט געדינט בײַ די שייפּערס. מיט מאַריאַ איוויצקאַס פּאַספּאָרט בין איך געקומען.

אַרנס אויגן פאַרשן זי מיט אַ דורכנעמענדיקן בליק און גיסן זיך אָן מיט פאַרצווייפלונג: זי רעדט פון ווענ... און ער בייסט נאָך העפטיקער, שטאַרקער די נעגל. זי פאַרשטייט אים און באַרויִקט:

— דו, אַרן, זאָלסט זיך נישט אָנשטויסן?! זיי רויִק. איך בין בײַם קלאָרן זינען. לײַדן און פּײַן האָבן מיך פון געדאַנק נישט אַראָפּגעפירט. פאַרקערט. זיי האָבן דיין „געלערנטע קאָלב״ קלוגער געמאַכט... וואַרט. באַלד. וואָס וויל איך זאָגן?

אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג. טרוקענער טיקטאַק פונעם זייגער. טיקטאַק פון הערצער.

זי פירט איבער פּאַמעלעך אַ נאָכדענקנדיקן בליק איבער די פּענע-מער פון אירע דריי יונגיטשקע זין. ער פאַרהאַלט זיך אַף זיי און לייענט פון זיי אַראָפּ, נישט נאָר די שורעס, נאָר אויך פון צווישן די שורעס.

— פאַליק! — דו ביסט אונדזער עלטסטער זון, אונדזער בכור. ביסט נאָך זייער יונג. ס׳איז אַ זינד, דו זאָלסט גיין דעם טויט אַנטקעגן. דרייסט ביסטו שטענדיק געווען. אַ פּיאָנער. אין דער שול, אין דער פּוי-לישער און יידישער, ביסטו כוצפּעדיק געווען. זאָל דיר איצט די כוצפּע בײַשטיין אין ניסאָיען. אַ פּאָנעם האָסטו אויך אַ גוטס... אַ פּויליש. פּוי-ליש רעדסטו מיט אַן עמעסן אַקצענט. פאַרוואָס זאָלסטו נישט קאָנען זיך אויפהאַלטן אַ שטיקל צייט צווישן פּאַליאַקן? קאָנסט זיין, לעמאָשל, אַ סטאָך, אַ סטאָך איוויצקי...

— מיין קוזינע אַנאַסטאַזיאַ, מיין צוקינפּטיקע קאַלע, — העלפט איר פאַליק אונטער, און זיינע אויגן צעגייען זיך מיט שמייכל און שע-פערישן גלי: איז צוזאַמען מיט אַ געוויסער יידישער פאַמיליע, בײַ וועל-כער זי האָט געדינט, אַנטלאָפן אַהער פון וואַרשע, אָנהייב מילכאָמע. נאָר קיין ידיעס פון איר זיינען נישט דערהאַלטן געוואָרן. ווער ווייס, וואָס מיט איר איז, כאָלילע, געשען בײַ די באָלשעוויקעס. איז איר מאַמע, מיין מומע, צוגעשטאַנען צו איר שוועסטער, צו מיין מאַמען: זאָל ער פאָרן זיך דערוויסן. איצט, אַז מען קאָן שוין פאָרן אַהין. ווער דען, אַז נישט

איינגן פלייש און בלוט — א קוזין, דער צוקינפטיקער כאַסן. נו, בין איך געפאָרן. נאָר כ'קום אהער, ערשט כ'טו א קוק — א צאָרע. איך האָב נישט מיין פאַספאָרט, נאָר מיין מאמעס. אָט איז ער. מאַריאַ איוויצקאַ הייסט זי, מיין מאמע. אַן אַלטיטשקע — אין איילעניש און צעטומלעניש האָט זי זיי פאַרטוישט. כאַ־כאַ־כאַ! איצט דאַרף מען זיך היטן פאַר דער פאָליציי.

— זעסטו, — דערמונטערט אים די מאַמע: אַזוי, אַזוי! דו אַליין גלויבסט, אַז דו ביסט סטאַך איוויצקי. דאָס איז גוט... סטאַך איוויצקי. אַ יעדע פוילישע פאַמיליע וועט דיך אויפנעמען און אַרויסהעלפן.

זי כאַפּט איבער דעם אָטעם. קיינער וואָגט נישט, זי איבערצושלאָגן.

— וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, זע, מיין קינד, שאַנעווע דיין לעבן. דו גייסט אַוועק דער איינציקער, דאָס איינציקע גרינע צווייגעלע פון דער פאַמיליע שייפער. מיר דאָ... גייען עפּשער אַלע דעם טויט אַנטקעגן. זאָלן אַלע אָוועס פון די שייפערס און די עדלמאַנס זיין מיט דיר, וועהין דו וועסט זיך קערן און ווענדן.

אַרנס אויגן, איינגעגעסן, בעיס איר רעדן, אין איר זקייניש פּאָנעם מיט דער ווייסער האָר־פּאַסמע (...דעם סאַפּרישן שין פון „שדי" מיט די „תגין"), ווערן פון ווייל צו ווייל גרעסער און גיסן זיך איבער מיט כי־דעש און באַוווּנדערונג. אין זיין זינען טוקן זיך אַרום זיכרוינעס, ווי ער פלעגט זי אַמאָל באַליידיקן, כאַיעלען. כאָטש דער האַניק־כווידעש האָט זיך באַ זיי לאַנג געצויגן און אין מעשעך פון יאָרן נישט איינמאָל זיך איבער־געבאַזערט. ווי בייז ער פלעגט זי אַמאָל אויסשפּעטן: „מער ווי פּרוגס לידער ליגט דיר נישט אין קאָפּ!" און אַמאָל אַפילע גאָר גראָב: „געלערנ־טע קאַלב!". איצט זעט ער — זי איז גאַרנישט ד אָ ס געוועזן! צי האָט זי זיך איבערגעבוירן? צי מאַכמעס צאָרעס און פּיין איז זי אים אַי־בערגעוואַקסן? ניין, ער וועט שוין מער נישט אַרויסגעבן זיינע מאַנצ־בילשע הערשערישע באַפעלן. אַדראַבע, זאָל זי פירן. זיי טוישן זיך מיט די ראָלן.

איר בליק, זעט ער, וואַרט און מאָנט אַן ענטפער באַ פאַליקן. פאַ־ליק איז שוין אויך אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. ער פאַרשטעכט זיין בליק גלייכצייטיק אין זיי ביידע, אַרן שייפער.

און צווישן טאטע־מאמעס בליקן שימערט אויף א שמייכל אף דער בלאסקייט פון זונס פּאָנעם:

— האָסט אַרויסגעלייגנט ריכטיק מיין מאַכשאָווע, מאַמע! אַזוי האָב איך טאַקע געהאַט באַשלאָסן. איך וויל... איך וועל זיך דערשלאָגן צו די פּאַרטיזאַנער. איך וועל זיך שלאָגן פאַר מיין לעבן, פאַר אייער בלוט, טאַטע-מאַמע, וואָס שלאָגט אין מיינע אָדערן. פאַר דער מומע פריידקעס בלוט, וואָס... המם, לאַכט אין מיינע אָדערן. איך וויל לעבן. איך לאַך, ווי די מומע פריידקע, פונעם טויט!

— און מיר, כאַיעלע? — פרעגט אַרן בא דער פרוי.

— מי־יר? — קאָן די מאַמע נישט אָפּרייסן איר שטאָלץ־געוואָרע־נעם בליק פונעם עלטסטן זון: אַז דו האָסט זיך מיט די קינדער באַציִטנס נישט געראַטעוועט, ס'איז מיר אַ כידעש אף דיר, פריידקע וואָלט אירע אויגן נישט געגלויבט... דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן. איך האַלט דיר נישט פאָר, כאַלילע, מיין מאַן, כ'פאַרשטיי. אַ שאָד געווען דיר... די שוועסטער און, עפשער, אויך דאָס ווייב, דער אַלטער שאַרבן. נו, איז פאַרפאַלן. מיר זיינען שוין צו אַלט. פאַר אונדז איז קיין רעטונג נישטאָ. זוי ס'איז באַשערט. נאָר זיצן און אויסקוקן דעם טויט, איז קיין ערגערס שוין נישטאָ. ליבערשט אַנטקעגנגיין דעם טאַליען מיט אַ גלייכן רוקן און אַן אָפן פּאָנעם.

— גערעכט, כאַיעלע, — גיט זיך אַרן שייפער אונטער דעם ווייבס גערדאַנקען און געפילן, עפשער דאָס ערשטע מאָל אין זייער צוזאַמענלעבן, ער בלאָזט אף זיינע צעבלוטיקטע נעגל און באַשליסט פעסט: וואָס עס זאָל נישט באַשערט זיין, נאָר מער זיך נישט פּייניקן. אַ רויִקייט נידערט אַראָפּ אף זיין געמיט און נעמט אים דורך און דורך:

— קומט זשע, לאָמיר גיין איידער מע קומט צו אונדז. אין לעבן דאַרף מען אַלץ קענען, אפילע דעם טויט איבערלעבן. אַ שאָד, אַ שאָד, כאַיעלע, וואָס ביסט אַליין געקומען. פריידקע וואָלט אונדז געפירט אַהין מיט געלעכטער. זי וואָלט אפילע דעם טאַליען אונטערגעטריבן: „וויאָ־אָ!" איצטער וועסטו אונדז פירן, כאַיעלע... און דו, פאַליק?

— איך האָב שוין מיין באַשלוס געזאָגט. לאָמיר זיך געזעגענען, מאַמע.

באהערשט, געלאסן נעמט זי אים ארום, קוקט אים לאנג אין די אויגן אריין און טוט אים אפגעכאפט א קוש.

— און... איך? — שטאמלט שעפטל, און זיין אשיק פּאָנעם רויטלט זיך מאכמעס געוויכן-בושע פארן ביסן, וואס ער האט אויסגעכאפט די ברידער: און איך, מאמע? מיט פאליקן...

— מיין טייער קינד! — פיבערן איבער אים דער מאמעס אויגן: ווינד און ווי איז צו דיין מאמען. דו גלייכסט זיך צו פאליקן? דו... דיין פּאָנעם איז א יידיש. עס וועט דיר גלייך פארמאסערן. זאלסט גיין מיט פאליקן איניינעם, קאן עס, באלילע, אייך ביידן אויסגעבן. טייער קינד. פונדעסטוועגן אליין, אויב דו ווילסט פרוון גיין, פרוו.

— אליין? — בעטן זיך זיינע אויגן.

— וואס זאגסטו, ארן?

— וואס איך זאג? ווער עס האט וואס איינצושטעלן, דארף ריזי־קירן. א יונגער באכער מיט פלייצעס טאר נישט גיין, ווי אן אקס אין בוינע אריין. ער דארף זיך פון שטריק אפרייסן. מיר האבן שוין נישט וואס איינצושטעלן. מיר גייען שוין פון לעבן בארג אראפ.

— איך וועל אויך נישט גיין מיט אייך. — רופט זיך אן יאנקעלע אנטשלאסן.

זיין ברייט, ווי צוגעפלאטשיקט, פּאָנעם איז פארגאסן מיטן העלן גרוי פון זיינע אויגן, ווי מיט א געוויטער:

— איך בין נישט ערגער פון פאליקן דערמיט, וואס כ'בין יינגער פון אים מיט פיר יאר. און מיין פּאָנעם? איך האב, דאכט זיך, נישט קיין שלעכט פּאָנעם אויך. די באבע קיילע פייגע פלעגט מיר אפווישן דאס נעזל און זיך בייזערן: „א פארצופל פון א שראל, ראכמאנע־ליצלאן. ווי קומט גאר אזא צו א יידיש קינד!" און דו, מאמע, פלעגסט מיר שטענדיק קושן אין די אויגן: „מיין טייער מאלפע־פּאָנעם"... אן אריש פּאָנעם, הייסט עס.

און ער האלדזט שטארק־שטארק ארום די מאמע. זי קושט אים אין די אויגן:

— גיי דו אויך, יאנקעלע. גיי, גיי...

— יאנקעלע מיטן נ... אריש פּאָנעם, — שמייכלט פאליק גרינג און רעדט מיט א טאן פון אן אומאפהענגיקן מענטשן: איך מיט דיר,

יאַנקעלע, מיר גייען צוזאַמען. אָבער מיר האַלטן זיך ווי פרעמדע צוליב אַן איינהאָרע. מיר זיינען נישט קיין ברידער. וואָס דו ביסט מיר? מירן שוין עפּעס צוטראַכטן. פאַרגעם נישט, צעריים דעם סאָוועטישן פּאַס; איך האָב עס שוין געטאָן.

— קינדערלעך, — קומט אריין די מומע זעלדע פון קיך מיט צוויי זעקעלעך: נאַט אייך מיט עפּעס צו עסן. איר גייט דאָך אין אַ וויטן וועג אריין. אונדזער וועג איז אַ נאָענטער. ווען מיר וועלן זיך היינט, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, אומקערן אַהיים, וועלן מיר שוין דעמאָלט אַ קלער טאָן... זעט נאָר, און ווו איז שעפּטל?

מע קוקט זיך אַרום. אַף דעם קומט אריין פון קיך אַ פּאָנעם-כאַדאַשעס, וואָס ראַשט איבער אָן איינגבליק: וואָס וויל דאָ איצט דער באַר-וועסער קוימען-קערער מיט די בייז-גלאַנציקע אויגן און צעלאַכטע ווייס-שרייענדיקע ציין? זע נאָר, זע! ס'איז דאָך שעפּטל.

— ווו האָסטו זיך אַזוי איינגעריסט? — פאַרשטייט נישט די מומע, גלייך ווי אַלע: אַ וויסט פינצטער יאָר אַף די יידישע סאָנים!

— איך האָב אַ באַקאַנטן גוטן גוי, אַ קוימענקערער, דאָרט ווו איך האָב פאַר די סאָוועטן געאַרבעט, וועל איך זיין בא אים אַ געהילף, — ווערט שעפּטל רויט דורכן רים.

— מיר זאָל זיין פאַר דיין שיין פּאָנעם, — פאַרלייגט כאַיעלע אַ האַנטפלאַך אַף אַ האַנטפלאַך, דריקט זיי צו צו דער ברוסט אונטערן האַלדז און דערפילט דאָס קרוציפיקסל: וואַרט, שעפּטל (זי נעמט אַראָפּ פון זיך דאָס קרוציפיקסל), נעם און באַהאַלט עס. געדענק, ס'איז דיין מאַמעס, מאַריאַ איוויצקאַס. עפּשער וועט עס דיר צונוץ קומען. אַף יעדן אויפן וואָרף עס נישט אַוועק. מיין מאַמע-האָרץ זאָגט מיר נעוויעס, דו וועסט זיך ראַטעווען, מיין קינד. זאָל עס איבערגיין, ווי אַן אָנדענק פון אַ מענטשלעך האַרץ, פון דאָר צו דאָר, פון אַ שייפער צו אַ שייפער... פאַליק, שעפּטל און יאַנקעלע, גייט. עס ווערט געפערלעך. איר ווייסט וואָס, קינדער? כאַפּט זיך פאָרזיכטיק-פאָרזיכטיק אַריבער איבעם „טומע-געסל“, דאָרט איז אָפן דער קאָשציאָל. עפּשער וועט איר זיך אין אים אויסבאַהאַלטן היינטיקן טאָג... עפּשער קערן מיר זיך פאָרט אום?!

— זייט געזונט! אַלע. — גייט פאַליק צו דער טיר: יאַנקעלע! איך אַ פּאָר מינוט אַרום קום אונטער. איכל וואַרטן אין קאָשציאָל טאַקע.

ער גייט ארויס. פארשטיינערטע שטילקייט. יאנקעלע ציילט לאנג-לאנג דעם טיקטאק פונעם זייגער, טוט א זאג: „זייט אלע...״ און גייט אויך ארויס.

טרוקענע, פיבערנדיקע און פארבענקטע אויגן קוקן אין דער ריכ־טונג, וווהין די קינדער זיינען אוועק: דורכן „טומע-געסל״; דורכן קאש־ציאל; דורך פעלדער און וועלדער; דורך ווינטן און נעפלען... העט ווייט אין דער וועלט אריין.

שעפטל שטארצט ארויס די ליפן און טראגט זיי אונטער דער מא-מען, באהיט, ער זאל זי נישט איינריסן. ער צעקושט זיך מיט איר, און פירט שווייגנדיק איבער דעם בליק איבער אלעמענס פענעמער, און גייט ארויס מיט זיין בארוועס.

און אין שטוב שטיקט זיך אזא שטילקייט, ווי נאר דאס לעבעדיקע וואלט פון איר ארויסגערונען.

— ארן! — קומט כאיעלע ענדלעך צו זיך, באמערקט און ווערט פארווונדערט, וואס ער בייסט שוין נישט די נעגל: ארן, דו ביסט רויקער געווארן. די קינדער האבן זיך פון הארצן אוועקגעריסן. נאר הינטערן דיס, אין בלוט, איז א האפענונג געבליבן: עפשער וועט כאטש איינער פון די קינדער, כאטש איינער ראטעווען די פאמיליע שייפער פון אומ־קום. און דא מיר זיינען דאך אויך נישט אליין — אינייגעם מיט אייגענע.

— שוועסטער, — שאקלט זעלדע שטיל-טרויעריק מיטן ווייסן קאפ: מיר האבן זיך אויסגעגלייכט. נאר פאר מיר האט קיינער קיין האפענונג אויך נישט איבערגעלאזט. טאמער, כאלילע... איז די פאמיליע וויאט־רינסקי אפגעמעקט פון דער וועלט. מיין פינבעס איז אויך געווען א בען-יאכיד.

— קום, בען-יאכיד מיינער, — גייט זי צו צו לייווין און גלעט אים איבערן קאפ: א מאמע האט א נאריש הארץ. איך האב קיין איין טאג די האפענונג נישט פארלוירן — וועסט צוריק צום ליכטיקן פארשטאנד קו-מען. טאטע-מאמע וועלן נאך אין דיר נאכעם דערלעבן. האבן מיר דער־לעבט.

פינבעס וויאטרינסקי לייגט דערוויל אריין דעם טאלעס, א נישט־צונויפגעלייגטן, מיט איין טפיל אן ארומגעוויקלטע, און די צווייטע מיט א זיך נאכשלעפנדיקע רעצוע אין טאלעס-זאק.

— כ׳גיי. — פאַלט אַראָפּ פון לייווים מויל דאָס וואָרט, ווי אַן אַרבעס.

זיי לאָזן זיך צו דער טיר. די ערשטע — כאַיעלע. נאָר סאַמע באַ דער שוועל בלייבט זי שטיין און ווענדעט דאָס פּנים אין שטוב אַריין מיט אַ בליק, וואָס זוכט עפּעס-וואָס פאַרגעסנס, זייער נייטיקס.

אַרן שטויסט זיך גלייך אָן וואָס זי זוכט. ער טוט אַ גיי צום טיש, נעמט פרוגס לידער־בוך און דערלאַנגט עס איר. זי פאַרשטעקט עס אין בוזים און דריקט עס צו מיט ביידע הענט צו דער ברוסט. זי האָט דאָס געפיל, אַז זי דריקט צום האַרצן די דריי קעפּלעך פון די קינדער... ווי ברויזעלעך נאָך ליגן זיי באַ אירע ברוסטן און נאָגן, און נאָגן. זיי בייסן: דאָס ווילדע פאַליקל; שטאַרקער — דער רויִקער, קיינמאָל נישט זאַטער שעפּטעלע; שוואַכער — יאַנקעלע, וואָס וויל גאָר די ברוסט נישט נעמען. צייטנווייז פלעגט זי אויפשפּרינגען מיט אַ ווײַ- און פרייד־געשריי: בייס נישט, גאַזלען! — ייִדישע גאַזלאָנים...

— דער זייגער אַ שטומע לעלע, — זאָגט זייער ערנסט לייווי.

זיי דרייען אויס טשיקאַווע די פּנעמער צום ציפערבלאַט, ווי דאָס וואָלט פאַר זיי זייער וויכטיק זיין. די אויערן פאַרנעמען מער נישט זיין טיקטאַק.

— ווי ווען עס שטאַרבט עמעצער אין שטוב. ער וואַרט שוין נישט אויף אונדזער צוריקומען, — זאָגט זעלדע מאָרע-שכוירעדיק.

— דער קאָפּ איז פאַרדרייט, איז קיינעם אין זינען נישט געלעגן אים אָנצודרייען. — דערקלערט אַרן, וועלכער דולדעט נישט קיין אַבער־גלויבנס, לויט זיין געוווינהייט.

זיי גייען אַרויס. פּינכעס וויאַטרינסקי, דער לעצטער, פאַרגעסט נישט אַ קוש צו טאָן די מעזוזע אויף דער טיר פונעם גלעזערנעם גאַנעק. די טירן בלייבן שטיין אָפן. עס דאַכט זיך, אַז הינטער די פּלייצעס זעצן זיך אַראָפּ די ווענט פון שטוב, און אָן דעם מינדסטן שאָרך פאַלט איין איבער זיי דער דאַך.

ווי צונויפגערעדט זיך, זייַען זייערע פּנעמער געווענדעט צום „טו־מע־געסל".

— ניין, — זאָגט כאַיעלע: מיט די קינדער האָבן מיר זיך שוין גע־זעגנט. מירן גיין דורך די ייִדישע גאַסן.

— זיך האלטן צוזאמען און נישט צוזאמען, — פארענדיקט ארן: זאלן זיי נישט דערקענען, אז ס'איז איין הויזגעזינט. די רעשאים וועלן אונדז אומיסטן צעשיידן.

און אזוי גייט א יידיש הויזגעזינט אפן גזיירע־באפעל פון דער געשטאפא:

פארויס — כאיעלע שייפער. א פרוי פון א יאר פינף און פערציק. זי זעט אויס, ווי א זקיינע פון זעכציק. איינגאנצן אין שווארצן. די הענט פארלייגט אפן הארצן; —

אפן קעגנאיבערדיקן טראטואר, קעגנאיבער איר — איר מאן, ארן שייפער. א יונגערמאן פון א יאר זעקס און פערציק, מיטן אויסזען פון פינף און פופציקער. אן א היטל אפן קאפ. צעשויבערט. פארוואקסן. די האר צוגעווייסט. פון זיין צעשפילעטער פיזשאמע־בלוזע ווייסט זיך ארויס זיין פארוואקסנקייט אף דער ברוסט, ווי ווייסע זאלץ; —

מיט א צען שפאן הינטער אים — זיין שוואגער, פינכעס וויאטרינ־סקי. א מאן פון א יאר פינף און פופציק. מיט א צעדרייטער שווארצער שליאפע אפן קאפ. מיט א טאלעס־זאק אונטערן ארעם. ער ווארטשעט עפעס שטיל צו זיך אליין; —

אנטקעגן אים אפן צווייטן טראטואר — זיין ווייב, זעלדע, מיט א ווייסן קאפ האר. זי פירט פאר דער האנט איר מעטורעפן בען־יאכיד, לייווין. א באכער פון א יאר זעקס און צוואנציק. בארוועס, אין לאנגן ווייסן העמד מיט געלע פלעקן פונפארנט, מיט א הוילן סקעלעטישן קאפ, מיט וויים־פארצעלייענע אויגן, אפן מויל און ארויסגעשטארצטער צונג, — זעט ער אויס, ווי א באר־מינען פון קייווער ארויס, וואס איז געקומען פארבעטן אפן בייסוילעם א גרופע ערעוו־טויטע, און ער פירט זיי אהין.

זעען דען, הערן דען מענטשן אין אזא צושטאנד, וואס אין די יידי־שע גאסן, וואס ארום זיי טוט זיך? נו, דארט טוט זיך שוין ביכלאל גאר־נישט. די הייזער, די גאסן זיינען ליידיק, העפקער פארן וויינענדיקן הארבסט.

— יב. —

זיי גייען צום קראָען־פעלד.

בלויז איין זעלדע איז איינמאָל אין איר לעבן געווען אפן דאָזיקן פּלאַץ. אין יאָר 1905, אַף אַ „סכאָדקע” פון די סאָציאַליסטן.

...זי איז עס דאָרט געווען? דאָס איז פאָרגעקומען העט־פאַרצייטנס, ווען ס'האָט נאָך נישט עקזיסטירט אַף דער וועלט די סויבערטע זעלדע וויאַטרינסקי, נאָר עפּעס אַ מיידל, די כאַוועריטע זינאַ עדלמאַן. פונדעסט־וועגן (ווי אויסטערליש!) שטייט דער פּלאַץ אויך איצט לעבעדיק פאַר אירע אויגן... אַ ברייטער גרינער פאַרווילדעטער טאָל צווישן פעלדער מיט הויכגעוויקסיקע אָנגעגאָסענע זאַנגען. אַ פרעמדער דאָ. ווי ער וואָלט צו־פעליק אַהער אַראָפּגעפאַלן. אין אַ ווינקל פון זיין פראַנטיקן טייל — אַ גרויסער ציגל־זאַוואָד.

ארום אים צעוואָרפן פאַרשידענע שאָפּעס און סארייען. דאָ קוקן אַרויס פון שאָפּעס בלאַקן גרויע ציגל, נאַסע נאָך, אומעטיקע אַזעלכע, פאַרקאַטערטע. דאָ ליגן ציגל אין זייערע פאָרמעס און שמייכלען קעגן דער זון. און דאָרט שטייען ציגל־שורעס רויטע און צוגעברוינטע שוין, וואָס זיינען אַרויס פונעם געהענעם־פייער אין האָרן לעבעדיק און פאַר־האַרטעוועט אַף אַ לאַנגן לעבן. אַ גרויסע גרוב מיט נישט־דערקנאָטענער ליים. בלאַסע בערגלעך זאַמד. אַ ברונעם, פון וועלכן דאָס וואַסער ווערט אַרויפגעצויגן מיט אַ ראָד און אייזערנער קייט. אַרום אים — קאַדיעס וואַסער. נאָר דאָס אַלץ פאַרנעמט בלויז אַ קליינעם טייל פונעם קראָען־פעלד. דאָס גאַנצע פאָנעם פונעם פעלד איז באַזעצט דאָ און דאָרט מיט שטופּלען פון גריבער, פון וועלכע עס ווערט, אָדער ס'איז אַרויסגעגראָבן געוואָרן דאָס ליים פאַר די ציגל. גריבער פרישע, וואָס קוקן מיט נאַקעטן ווייסן אָדער געלן ליים, ווי פאַרשוויצטע פון פייכטקייט, מיט וואַסער אַפן דנאָ. גריבער פאַרוואָרלאָזטע, אויסגענוצטע, וואָס אַף זייערע ווענט שיטן זיך שוין אויס גרינע בערדלעך פון גראָז און נידעריקע שטרויכן. פון טייל אַזעלכע גריבער בלייכט זיך אַרויס דאָ און דאָרטן אַ שאַרבן פון אַ פערד, ריפּן פון אַ לאָשעקל: דאָ שינדט מען אָפּ פּעגירעס. ערטערווייז ווידער ליגן אָנגעוואַלגערט בערגלעך מיסט, פאַרשידענע אָפּפאַלן און ברוכ־וואַרג, וואָס ווערן אַרויסגעפירט אַהער פון שטאָט באַגינען. פאַראַן אַזעל־

כע מיסט־בערגלעך, וואָס מאַכמעס אַלטקייט באַוואַקסענע מיט גרינס, זעען זיי אויס ווי נאַטירלעכע היגלען. דאָ און דאָרט רויעט אַ כאַזער צווישן אָפּפאַל. דאָ און דאָרט לויפט פאַרביי אַ מאָגערער אויסגעקראָכע־נער הונט, טוט אַ שמעק, אַ קוק זיך אַרום און לויפט ווייטער. אַף איינעם אַ בערגל שטעלט זיך אויף אַ קאַץ, טוט אַ גענעץ, מאַכט פונעם רוקן אַ רייפל, גלייכט זיך אויס און לאָזט זיך פויל אַראָפּגיין: ס'איז איר דאָ דאָס לעבן נישט ניכע. נאָר די עמעסע הערשער איבערן פעלד זיינען די קראָען. זיי פאַרקראַקען דאָ די וועלט, און קיינער שטערט זיי נישט. די שורע ביימער, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער מיזרעך־זייט פונעם פעלד, איז באַשפּרענקלט מיט אַ יאַם קראָען־נעסטן. פונדאַנען האָבן זיי אַן אויג אַף דער גאַנצער געגנט. צופוסנס פון דער ביימער־שורע ציט זיך פויל און פלאַך אַ טייך־אָדערל, וואָס איז אַרומגעזוימט פון ביידע זייטן מיט געדיכטע שטרויכן.

דאָרט צווישן די שטרויכן, פאַרבאָרגן פון איין זייט דורכן הויכן טוווּע־פעלד, פון דער צווייטער דורך דער ביימער־וואַנט, איז עס דע־מאָלט, אין פינפטן יאָר, פאָרגעקומען די „סכאָדקע". די רעדנער איז אויסגעקומען אויפצוהייבן הויך זייערע שטימען, ווייל די קראָען־קאַלאַ־ניע האָט זיך אָנגעזעצט אַף זייערע קעפּ און פאַרקראַקעט זייערע רייד. — „דורכן קראַקען פון די שוואַרצע קראָען, — האָט איין רעדנער פאַר־ענדיקט זיין רעדע: פאַרנעמט אונדזער וואַכזאַם געהער דעם מעכטיקן שוווּנג פון די באַפרייטע און באַפרייענדיקע אָדלערס..."

...סאַראַ ווייטער חלום דאָס איז! זי, זינע עדלמאַן, איז אַהער גע־גאַנגען אַ יונג מיידל, אַ היציקע סאָציאַליסטקע, צו באַטייליקן זיך אין דעם קאַמף אַף לעבן און טויט, אַף אומצוברענגען די אַלטע פאַרברעכע־רישע וועלט, און אויפשטעלן אַף אירע כורוועס אַ נייע אַ גערעכטע וועלט... זי, זינע, האָט אין אומדערפאַרנקייט און פאַרצווייפלונג נאָך אַ דורכפאַל דעם קאַמף פאַר דער נייער וועלט פאַראָטן. די אַלטע וועלט איז שטיין געבליבן און נאָך פאַרברעכערישער געוואָרן. זי, זינע, איז אַלט געוואָרן, אין זעלדע וויאַטרינסקי זיך פאַרוואַנדלט, און איצט פירט זי אַהער, פאַר אַ קאָרבן עפּשער, איר פּריוואַטע גאַנצע וועלט — איר מע־טורעפן בען־יאָכיד, לייווין. זי פירט אים, און אַליין איז זי אַ געפירטע פון איר יינגערער שוועסטער, פון כאַיעלען.

באיעלע, האגאם אפן קראען-פעלד איז זי קיינמאל נישט געוועז, ווײַס זי אָבער דעם וועג אהין. דאָ פלעגט זי שפּאַצירן מיט איר פּוילישער באוועדטע, מיט יאָאסיאַ ווערעטעוונאַ. פירט זי. נאָך איר פאַרקערעוועז זיי פון שאָסיי אראָפּ אפן זייטיקן שליאך, וואָס קרייצט דורך די באַנליניע, און דערזעען דעם ציגל-זאוואָד. זיי זײַנען דאָ די איינציקע גייער. מאַשמאָעס, אַז די גאַנצע שטאָט יידן האָט שוין באוויזן אויסצופילן דעם באַפעל פון געשטאַפּאָ. זיי הייבן אָן גיין שנעלער.

עס קומט זיי אַנטקעגן אַן אוקראַינער בעטלער. אַ זאָקן מיט אַ טאָרבע אָף די פּלייצעס. די טאָרבע בייגט אים טיפער צו דער ערד, און דער שטעקן אין האַנט האַלט אים אונטער. ער גייט זיי פאַרביי שווייגנדיק און באַטראַכט יעדן פון זיי פון אונטער שווער-אַראָפּגעלאָזטע ברעמען מיט אַ שאַרפן בליק פון יונגע אויגן. איבערגעגאַנגען, בלייבט ער שטיין, נאָכדענקענדיק, שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ און שעפּטשעט זיך אין באָרד אַריין, אַוועקגייענדיק ווייטער:

— שעפּסן. שעפּסן. פריער זיי די וואָל אָפּגעשוירן, און דערנאָך אין בוינע אַריין. פּאַרטיזאַנעוועז...

דער ציגל-זאוואָד, וואָס האָט זיי פונדערווייטנס אויסגעזעז אַזוי נאָענט, פאַרבאַהאַלט זיך פאַר זיי: זיי האָבן אַראָפּגענידערט אין אַ טאָל, און דער שליאך באַרג-אַרויף פאַרשטעלט אים. נאָר עס דערגרייכט פון דאָרט גערויש און טומל.

זיי שלאָגן זיך אַרויף אַפן סאַמע העכסטן האָרב פון שליאך. פונדאַנען דערזעען זיי נישט בלויז דעם זאוואָד — דאָס גאַנצע קראָען-פעלד. נאָר נישט מיט קראָען איז עס איצט פאַרזייט — מיט אַ געווימלעניש פון מענטשן, יידן.

דער זאוואָד איז נישט טעטיק, קענטיק, און זעט אויס אין זיין רו — דערשלאָגן, מאָרע-שכוירעדיק. זיינע צוויי רויט-גרויע קיילעכדיקע קוימענעס, וואָס לאָזן נישט פון זיך קיין פונק און נישט קיין רויך, דערמאָנען מיט זייערע פאַריסטע ראַנדן אין ריזיקע ליכט, אויסגעלאָשענע...

ליכט פאַרלאָשענע אינעם יום-האַדין. אַן איימעדיקער אָנזאָג אָף אַ גזאָר, — אַזוי זעט און פילט עס דער וועלטלעכער וואַיאַזשאָר, דער אַמאָליקער יעשיווע-באָכער, אַרן שייפער: זיי קוקן אַראָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגן, די יאָנקיפּער-ליכט, אָף דער גרויסער איידע יידן, וואָס

דאַרפן דאָ אָפּריכטן די יאָנקיפּערדיקע טפילעס. נאָר... זיי זיינען אָן טאַ-
לייסים. אין אַ טאַלעס איז דאָרט, דאַכט זיך, בלויז איינער. דער מאָראָ-
דעאַסראָ, עפּשער...

פּינכעס וויאַטרינסקין זעט דאָס אויס, ווי אַן אויסטערלישער יאַריד.
אַ מענטשן-יאַריד. אַ ייִדן-יאַריד. וואָס נעענטער, אַלץ בוילעטער ווערט
דאָס בילד: באַיאָרטע מאַנצבילן און ווייבער; באָכערים און מיידלעך;
ייִנגעלעך און מיידעלעך; מאַמעס מיט קינדער אַף די הענט, און קינדער
באַ די מאַמעס קליידלעך; זקיינים און זקיינעס; דאָ און דאָרט צווישן זיי,
אַף די פינגער צו ציילן, געשטאַפּאָניקעס און אוקראַיִנישע מיליציאָנערן.

איין זעלדע זעט אינגאַנצן נישט דאָס בילד. אַף קיין איין אויגנבליק
ווענדן זיך נישט אָפּ פון לייווין אירע באַצאַרטע אָנגעצונדענע רויט-גע-
וואָרענע אויגן, ווי אין איר האַרץ וואָלט אַן אָדער געפּלאַצט, און דאָס
בלוט וואָלט אין זיי אַריינגערונען. ער גייט איר נאָך, לייווי, ווי אַ קאַלב
צו דער שכיטע... איר גאַנצער נעפעש צאַפּלט פאַר שרעק: זיינע ווייס-
פאַרצעלייענע אויגן זאָלן זיך, כאָלילע, נישט אויסלעשן אָפּן דאָזיקן פּלאַץ
אונטערן כאַלעף פון דעם שעכטער. ווי זי גאַרט, ווי זי לעכצט, כאָטש
אים אַליין צו ראַטעווען, כאָטש אים אַליין, איר טייערן בען-יאָכיד, איר
קראַנקן לייווין!... (כאַיעלען איז גוט!... אירע דריי זין זיינען נישט מיט-
געגאַנגען.) זאָל זי פריילאָזן זיין האַנט און אים אַ זאָג טאָן: — לייווי,
קינד מיינס! דיין מאַמע פירט דיך צו דער שכיטע. ריים זיך אָפּ, ווי אַ
קאַלב פון שטריק פאַרן שעכטהויז. אַנטלויף! ווּהין די אויגן וועלן דיך
טראָגן! נאָר ווּהין קענען אים, נעבעך, די גוילעם-אויגן טראָגן? ווען
ער וואָלט באַ דעם זינען זיין, ווי כאַיעלעס קינדער... און עפּשער איז גאָר
גלייכער פאַרן קינד, וואָס ער איז קראַנק?... ריבוינע-שעל-אוילעם, עפּ-
שער קומט דיר נאָך פאַר דעם כעסעד צו דאַנקען?... דעם קינדס מעשו-
גאַס האָט אַ זין געהאַט... די גאַנצע אַלטע וועלט, וואָס זיין מאַמע האָט
אַמאָל-אַמאָל געוואָלט אומברענגען, איז מעשוגע געוואָרן, און איר זון
מיט אַ צענדליק יאָר פריער — וואָס איז די נאַפּקע-מינע?... ריבוינע-
שעל-אוילעם, שטראָף זשע מיר נישט נאָך ערגער: אין שטוב האָט זיך
היינט געדאַכט, אַז דאָס קינד האָט אַף אַן אויגנבליק צוריק דעם פאַר-
שטאַנד געקריגן... זאָל עס, כאָלילע, דאָ פאַר דער שכיטע זיך נישט אי-
בערכאַזערן! זאָל ער אַ קאָרבן פאַלן, ווי אַ שטומע צונג, וואָס פילט נישט

אַזוי דעם ווײ, און נישט ווי יִצכאָק אַף דער אַקײדע... אויב אים איז
נישט באַשערט, ווי יִצכאָקן, אַ מאַלעך זאָל דעם אויסגעשטרעקטן כאַלעף
איבער זײַן האַלדז פאַרהאַלטן.

אַלץ דײַטלעכער דערטראָגט זיך אַ רויש פון ראָצכישע קוילעס, בע-
האַלע און בראָך. בילנדיקע באַפעלן, רופן, געשרײַען, קוויטשערײַען, גע-
וואַלדן, געוויין און יאָמער, געלעכטער פון שפּאָט און געלאַכערײַ פון מע-
שוגאַס. צווישן די מענטשן-געזעמלען — עטלעכע אויסגעלומפּערטע גרינע
אויטאָס, ווי קראָקאָדילן. זײ זידן מיט רעציכע און טראַסקען מיט גע-
בײַזער.

...הײסט עס, מע פירט דעם גאַנצן אוילעם אַוועק פוגדאַנען. אָט איז
איין אויטאָ, אַ צווייטער אָפּגעפאָרן. דורכן בריקל איבערן טײַכל לאָזט
ער זיך אין פעלד אַרײַן און פאַרשווינדט. וווּהין? אַף וואָס פאַר אַ כאַסענע
פירט מען דאָס יִדישע מעכוטאָנים?

און אָט לאָזן זײ זיך אַראָפּ מיטן שליאַך, און זעען שוין ווידער גאָר-
נישט: עס פאַרשטעלט דער זאַוואָד-פּאַרקאַן.

כאַיעלע שטײט שוין באַם טויער, און זי קלאַפּט אָן. טוט זיך פאַר
איר גאַסטפרײַנטלעך אָן עפן אַ שמאָלע נידעריקע פאָרטקע און לאָזט זי
אַרײַן.

אין אַ ווײַכן פאָטעל לעם אַ געדעקטן טיש, געסערווירט מיט געפעסן
און געריכטן, מיט פלעשער און גלעזער, זיצט אַ פײַערלעך-אויסגעפּראַנ-
טעוואַטער געשטאַפּאָ-אָפיציר. אַן אײַליקן בליק אַף איר. אַ צווייטן אַפן
גאָלדענעם דאַמען-זייגערל אַף זײַן לינקער האַנט, וואָס רוט פאַר אים אַפן
טיש, און אַ ביל:

— פינף מינוטען פערשפּעטיגונג. פינף אונד צוואַנציג שמיטצע.

און זײַן רעכטע האַנט טראָגט צו אַ רויטע גלאָז ווײַן צו די שפּאָ-
טישע ליפּן.

...ער טרינקט יִדיש בלוט. — באַווײַזט כאַיעלע דורכצולאָזן אַ גע-
דאַנק, בעיס גומענע שלענג טוען זי אַ באַפאַל, אַ בײס אַרײַן זיך אין
איר הויט-און-ביין, און אַ ראָצכישער שטויס אין פלײצע טוט זי אַ שלײ-
דער פאָרויס, ווי זי וואָלט אַ פלי געטאָן אין אַ כאַשכעס אַרײַן. זי דאַרף
איצט אַ פאַל טאָן צו דער ערד, זיך צוריק שוין נישט אויפצוהייבן. נאָר
ס'איז אַקשאָנעסדיק איר ווילן: „צוזאַמען מיט אַרענען! מיט זעלדען! צו-

זאמען מיט ארענען! מיט זעלדען!". און די קלעפ האבן אף איר קיין שליטע נישט. ער, איר פעסטער ווילן, דערהאלט זי אין וואקלעניש אף די פיס און לאזט נישט די פינצטערניש ארייננגיסן זיך אין איר באוווּסט־זיין. און זי שלייכט ווייטער. ס'איז איר קלאר: אומקוקן זיך אף צוריק טאר זי נישט. הינטן איז סדאם. דאס וועט ברענגען נאך ערגערס פאר איר און פאר זיי. די שלעגערס דארפן זיי האלטן פאר פרעמדע. וו א ס מיט איר, וועט זיכער באלד געשען אויך מיט זיי. און, שלייכנדיק לאנג־זאם פארויס, שטעקן איר די אויגן און אויערן אין פלייצע. זי זעט נישט און הערט נישט גארנישט... אין אן אייביקייט ארום דערהערט זי א רע־וועדיקן גוואלד פון דעם שוואגער. קעגן איר ווילן בלייבט זי שטיין א סעקונדע. אבער בלויז א סעקונדע. זי שלייכט ווייטער, ציטערנדיק, פלאטערנדיק און אפווארטנדיק. ארן... שרייט נישט. האלט זיך פעסט.

דער שוואגער יאגט זי אן, און זיין איימעדיק געשריי רייסט אויף איר שארבן:

— מ'עט שעכטן! מ'עט שעכטן, שוועגערן!

ער איז איצט מיט א הוילן ווייסן קאפ, וועלכן ער האלט פאר־קוועטשט צווישן די דלאניעס. איין טייל שלייקע באמבלט זיך אים אף די הויזן, ווי א רעצוע. ער וויל ווייטער לויפן מעשוגענערווייז.

— שוואגער. — האמעוועט כאיעלע זיין לויף: דיין ווייב מיטן בען־יאכיד זיינען פון הינטן... גיי אביסל אפגערוקט פון מיר. קוק נישט אף צוריק — דארט איז סדאם.

און אין סדאם געשעט עפעס אויסטערלישעס:

זעלדע קריגט פונעם געשטאפא־אפיציר מיטן רעוואלווער אין שטערן אריין. זי טוט קורץ־אפגעהאקט א קוויטש, א וואקל זיך, א פאל, און איר גוף רייסט זיך אפ פון לייווים זיך־קלאמערנדיקער האנט. לייווים אומ־באוועגלעכע ווייס־פארצעלייענע אויגן טוען זיך א באוועג, א בלאנדזשע, ווערן פאראמאל לעבעדיק, גיסן זיך אן מיט באוווּסטזיין, גרימצארן און בלוט. ער טוט פלינק, ווי א ווילדע קאץ, א שפרונג צום אפיציר, א קלא־מער ארום אים מיט די קנאכיקע הענט, ווי מיט קליעשטשעס, א פאל צו מיט קריצנדיקע ציין צו זיין גארגל און...

איידער עמעץ פון די געשטאפא־מעשארסים באווייזט עפעס, לאזט דער אפיציר ארויס דורך לייווים איינבים א סאפעניש און כארכלעניש

פון אַ גויסעסדיקער בעסטיע. איבער לייוויס סקעלעטישן קאָפּ בלייבט ליגן פאַרשטאַרט און שפּאָטיש זיין אָפּערגעקראָכענע צונג. לייווי באַוויזט קוים אַרויסצולאָזן דורך הייסן ברום און סאָפּ אַ דערשטיקט געלעכטער. אַ קויל פון אַ געשטאַפּאָניקס רעוואָלווער לעכערט דורך זיין שלייף. זיינע נאַקעטע פיס טוען אַ דריגע אונטערן העמד, אַ שפּאַר, ווי דרענגער, אין דער ערד אַריין, און זיין קערפּער טוט זיך אַ זעץ אַראָפּ. ער הענגט אָבער, צוגעשמידט מיט די ציין־קלאַמערן צום אָפּיצירס גאַרגל, און זיין מאַמע, לייוויס, שלעפּט מיט נאָך זיך זיין אומווערדיקן קאָרבן. עס טוט זיך אַ קער איבער דער פּאָטעל, אַ צעוואַלגער זיך דער סערווירטער טיש, און צווישן געקלאַנג און געבראַזג פון געפּעס און וויין־פלעשער בלייבן זיי ביידע ליגן לעם דער פאַרכאַלעשטער זעלדען. דאָ טוט אַ לויף אָן מעשוגענערוויז פּינכעס, וועלכער האָט זיך גישט באַהערשט און געקוקט אַף צוריק קיין סדאָם. ער טוט זיך אַ בייג איבערן ווייב און זון: זיי לעבן נאָך? נאָר ער דערוויסט זיך עס שוין נישט: אַף דער קליינער ייִדישער פאַמיליע וויאַטרינסקי טוט זיך אַ שיט אַ גערדיכט שטעפּערייַ פון אַן אווטאָמאַט. לייוויס פאַרטשעפּעטע ציין לאָזן אָבער אַף קיין אויפן נישט אַרויס דעם טרייפענעם ביסן פון מויל. זיי לאָזן נישט דורך דעם באַגנעט, וואָס וויל זיי פונאַנדערנעמען. דעם אָפּיצירס גאַרגל שניידט מען אַרויס פון זיי מיט אַ מעסער. די דריי ייִדישע באַר־מינענס ווערן אַוועקגעשלעפּט לענגאויס דעם קראָען־פעלד אין דער ריכטונג צו די אויטאָס.

אַזוי ווערן זיי פאַרבייגעשלעפּט דורך כאַיעלעס אויגן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן שאַרפן בליק באַגלייט זי זיי, נעמט זיי שנעלער נאָכגיין און שעפּטשעט אין זיך אַריין:

— צוזאַמען. צוזאַמען. נישט באַשערט געווען. צוזאַמען מיט אונדז. און... (איר בליק טוט בלאָנדזשענדיק און פאַרזיכטיק אַ זוך אין דער נאָענט אַרום זיך) ווו איז אַרן?

אָט דערנענטערט ער זיך צו איר מיט אַן אַלאַכסנדיקער ליניע, ווי פאַרבייגייענדיק, ווי נישט איר מיינט ער. ער בייסט נישט די נעגל. ער איז רויִק. און אויסגעגלייכט זיך מיט איר, מאַכן זיי אַ פּאָר טריט צוזאַמען. ער שעפּטשעט:

— איך האָב עס צוגעזען. לייווי איז אין דער לעצטער מינוט אַפּן זינען אַרויף. ס'איז מאָשיעכס צייטן. פאַר זיין מאַמעס קלונג, פאַר זיין

איינן מעשוגענעם לעבן האָט ער זיך אָרנטלעך אָפּגערעכנט. גאָרנישט ווי קיין פּאַכדן. נאָר פינכעס, פרעג, צו וואָס אַליין דעם טויט אין די לאַפּעס געלאָפן?!

— צוזאַמען... — הערט ער כאַיעלעס שעפּטש און מאַכט אַ שנעלערן טראָט.

...קעדיי אויך מיר זאָלן שפּעטער צוזאַמען זיין, — טוט ער אַ טראַכט: מוז מען נאָך אַביסל האַלטן זיך פונגווייטן.

איצט זיינען זיי שוין אין דער סאַמע געדיכטעניש. דאָ איז מען איינגעשטעלט, איינער דעם אַנדערן צו פּאַרלירן. זיי היטן זיך, פון אויג זיך נישט אַראָפּצולאָזן, און שטופּן זיך דורך נאָך די אוועקגעשלעפּטע טייערע מייסים. אַזוי אַרום קומען זיי אַלע נעענטער צו די אויטאָס.

...דאָ איז טויהו-וואָוואויהו. דער גאַנצער רוים — יאָמער. געשרייען — שניידנדיקע מעסערס. קוויטשערייען — שטעכעדיקע שפּיזן. קלאָלעס און טפילעס. קלעפּ און אַרומהאַלדזונגען. שפּייען און קושן. אַנטלויפנדיקע און נאָכיאָגנדיקע. קערפּערס, וואָס ווערן אַריינגעשטויסן אין די אויטאָס, און אויפעלעך, וואָס ווערן אַהין אַריינגעשמיצט אינדערלופטן. מעשוגאַס און גרויל.

אין דעם נאָך ליידיקן אויטאָ, וווהין עס ווערן אַריינגעשליידערט די דריי באַר-מינענס, לויפן אַליין אַריין כאַיעלע און אַרן שייפער.

באַלד איז דער אויטאָ אָנגעפּראָפּט. כאַיעלע מיט אַרן שייפער זיינען אַנידערגעוואָרפן אויף זייערע טייערע באַר-מינענס.

כאַיעלע טוט אַ כאַפּ אַרעַנען אונטערן אָרעם, און די דערשטיקנדיקע ענגשאַפט פּרעסט זיי אַזוי צוזאַמען, אַז זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט צעשיידן.

— וווהין מע זאָל אונדז נישט פירן, — אָטעמט זי קוים: לאָמיר זיין צוזאַמען. די לעבעדיקע מיט די טויטע.

די טיר פון מאַשין טוט זיך האַסטיק אַ קלאַפּ צו. אַ געדיכטע פינצטערניש נעמט זיי אַרום און פאַרשטאָפּט זיי מיט אַ שוואַרצער האַנטמויל און נאָז... אַזוי קאָן מען דאָך דערשטיקט ווערן!

די מאַשין טוט אַ ריר. אַ זויערער טשאַד שפּאַרט אַריין אין זייערע לונגען, מאַרך און בלוט. זיין פאָרן אַריין אין דער שוואַרצער מעלוכע פון טויט.

פאר ארן שייפערס ארויסקריכנדיקע אויגן גייט אויף אין כאשכעס א צעלאכטע זון — זיין שוועסטער פריידקעס פאנעס. אין זיין מויעך שפינט זיך אויס א געדאנק פון שטראלן: עס לאכט פון אומקום די יידישע אקארע!

אויך כאיעלע שייפערס אויגן ווערן פארבלענדט, בעיים זי דריקט צו מיט איר איינציקער האנט מיט אלע קויכעס דאס לידער־ביכל צום הארצן: דריי זונען צאפלען־שווינדלען אין דער פינצטערניש — די פעטעמער פון אירע קינדער, פון די לעצטע שייפערס, פאליקס, שעפטלס און יאנקעלעס. זיי לעבן! זיי שיינען!...

און אין דער דאזיקער ליכט פארגייען זיי, די שייפערס.

אופא, 1944 — לאדזש, 1946.

סעמיאָן לוואָוויטש ריאַזיאַנסקי

ס ק י צ ע

— א. —

סעמיאָן לוואָוויטש ריאַזיאַנסקי, דער הויפּט-כירורג אין דעם פּראָ־טעזן-שפּיטאָל 2854 אין אופּא, איז איינער פון דער יונגער ניי־אויפגעקו־מענער ארבעטער-אינטעליגענץ אין דעם יונגן סאָוועטן־לאַנד.

איז ער אליין אויך נאָך יונג? שווער דאָס אראָפּצולייענען פון זיין געשטאַלט און פּאָנעם. צי קאָן מען אָפּשאַצן די עלטער פון א מענטשן, ווען ער שטייט אין פינצטערניש פון נאַכט? און צי קאָן נאָך זיין א גע־דיכטערע פינצטערניש, ווי די מילכאָמע־יאָרן, אין וועלכע עס באַוועגט זיך סעמיאָן לוואָוויטש?

לויט זיין געבויגענער פּלייצע, שלאַבערדיקן גאַנג, אַשיק-גרויע האָר און געקנייטשטער הויט פון זיין געראַזירטן, אָפּט פאַרוואַקסענעם פּאָנעם, — איז ער א מאַן שוין אין די זעכציקער.

פונוואַנען זשע נעמען זיך צו אים אזויפיל קויכעס פאַר זיין אומ־דערמידלעכער ארבעט באַם אָפּעראַציע-טיש? פונוואַנען אזויפיל לייכט־קייט און געשיקטקייט אין זיינע הענט און פינגער בעיים שניידן און זעגן מענטשלעך לייב און געביין? ווו איז דער שוירעש פון זיין פיזישער און גייסטיקער פעסטקייט און שטאַנדהאַפטיקייט?

ס'איז טאַקע פאַר אַלע אין שפּיטאָל א רעטעניש.

באַם אָפּעראַציע־טיש, אין ברען פון דער אָפּעריר-ארבעט, פאַר־שווינדט די געבויגנקייט פון סעמיאָן לוואָוויטשעס געשטאַלט און די פוילבלעכע ווייכקייט פון זיינע גלידער און זייערע באַוועגונגען. ער זעט

אינגאַנצן אויס העכער, שטאַלצער, הערשעריש. די גלידער — יאָדעריק און דראַטיק; די באַוועגונגען — רירעוודיק און פלינק. אַפילע זיין אונטערשטע נאָכלאָזיק־אַראָפּהענגענדיקע ליפּ איז איצט שטייף מיט שטריבעלעך פון שטרענגקייט אין די מויל־ווינקלען. ער אָפּערירט אָנגעשטרענגט און אַנטשלאָסן.

ווען די אָפּעראַציע ווערט אַמאָל דורכגעפירט אָן נאַרקאָז, און סעמיאָן לוואָוויטש איז אָן אַ מאַסקע, זעט מען זיין איידעלע בלאַסע הויט פון האַלדז און פּאָנעם מיט די קרענקלעכע ציגל־פלעקן ווי דורכגעלויכטן מיט אַ שיין פון אינעווייניק אַרויס. זיינע ווילעטלעכע גרויע אויגן, וועלכע רוען אין שאָטן פון געהיימען טרויער, פּראָזשעקטירן איצט מיט אַ שאַרפן בליק, ווי מיט אַ שטראַל־זאָנד, דאָס צעבלוטיקטע, צעטרייבערטע מענטשלעכע לייב, וואָס ליגט פאַר אים צעוואַלגערט אַפן אָפּעראַציע־טיש. ער איז אינגאַנצן אָנגעצונדן פון באַגייסטערונג. ער גליט פון שעפערישן פאַרצערנדיקן אומרו. ער האַלט געשפּאַנט די דאָקטוירים־געהילפן, זיין אָנבליק שמידט צו די אויגן פון דעם אָפּערירטן, אויב ער איז נישט פאַרזונקען אין נאַרקאָטישן שלאָף. עס מאַכט אים שווידערן דעם אָפּעראַטאָרס גלייכגילט צו זיינע וויטיקן, נישט ווייניקער פון די וויטיקן גופא. עס קומט אים פאָר, דעם קראַנקן, אַז זיין פערזאָן מיט די אומדערטרעגלעכע שמערצן, זיין לייב מיט די טיפסטע צאַפּלעניש, זיין האַרץ, וואָס אָט־אָט אַנטגייט עס אָפּשטאַרבנדיק פון שוואַכקייט, זיינע טליענדיקע געהירן, ווי עס בליצן אויף זיגזאַגעדיקע שפּילקעס, — אַז דאָס אַלץ דערגייט נישט צום אָפּעראַטאָרס האַרץ. פאַר אים עקזיסטירט אויסשליסלעך די אָפּעראַציע פאַר זיך אַליין, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט, סעמיאָן לוואָוויטש, אַ געצנדינערישע אַווידע. די אָפּעראַציע־שוועסטער, נאָכגייענדיק מיטן גאַנצן וועזן, ווי איינגעשפּאַנטע, דער זיכערער פלינקייט פון סעמיאָן לוואָוויטשעס מייסטערישע באַוועגונגען, וואַרטן אָפּ מיט יִראַס־האַקאָווער דעם מינדסטן באַפעל, וואָס פאַלט קורץ און שאַרף פון זיינע ליפּן.

סעמיאָן לוואָוויטש זעט איצט אויס צווישן זיינע געהילפן דער יינגסטער און דער שטאַרקסטער; אַ מאַן מיט אייזערנע קויכעס, שטאָלענע נערוון און גראַניטענעם ווילן; אַ יונגערמאַן פון העכסטנס אַ יאָר פערציק.

— ב. —

סעמיאָן לוואָוויטש פאַראינטערעסירט זיך קיינמאָל נישט צו וויסן, צו וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט עס געהער דער קראַנקער, וואָס ליגט פאַר אים, ווי אַ קאָרבן, אַפן אָפּעראַציע-טיש. ווער דער קראַנקער זאָל נישט זיין, ער אַרבעט טאָמיד מיט דעם זעלבן פלייס, ברען און מייסטערשאַפט.

איינמאָל בלויז האָט זיך געלאָזט מערקן עפּעס אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט מיצאַד סעמיאָן לוואָוויטשן צו אַ קראַנקן. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען ער האָט אָפּערירט דעם יונגן טשעך, יאַנען, דעם קאָמוניסט, וואָס האָט זיך פרייוויליק אַריינגעגלידערט אין דער רויטער אַרמיי, און אַפן פראָנט האָט אים אַ מינע אָפּגעריסן ביידע פיס ביז די וואָרצלען. אויך נאָך דער אָפּעראַציע, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך דאָ געהיילט, האָט ער אים אַרויסגעוויזן אַן אויסנעמלעכע איבערגעגעבנקייט. פאַרוואָס? עפשער דערפאַר, ווייל יאַן האָט ב יי ד ע פיס פאַרלוירן. יעדנפאַלס זיכער נישט דערפאַר, ווייל ער איז אַ טשעך.

אין זיין פאַרהאַלטן זיך צו מענטשן איז סעמיאָן לוואָוויטש העפלעך און האַרציק צו אַלע. סעמיאָן לוואָוויטש וואַרט קיינמאָל נישט, עמעצער פון די קראַנקע, אָדער אַפילע פון די שפּיטאָל-אַרבעטער זאָל אים פריער באַגריסן. דערשפּירט ער בלויז עמעצן אין דער נאָענט, בלייבט ער גלייך שטיין, זיין געבויגענע פלייצע טוט זיך טיפער אַ פאַרבייג, ער טוט געשווינד אַ צי אַראָפּ דעם קאַרטוז, אַ שאָקל מיטן אַשיקן קאָפּ, און אַ ווייבער שמייכל מאַכט פריינטלעך זיין פּאָנעם. דאָס דויערט, עמעס, בלויז איין אויגנבליק, ווייל סעמיאָן לוואָוויטש איילט שוין ווייטער, ווי געווינטלעך, ערנסט-בייזלעך און לייכט-פאַרטרויערט, פאַרטאָן אין געדאַנקען וועגן אָפּגעטוענער, לויפנדיקער און פאָרשטייענדיקער אַרבעט. אָבער דאָס איז געוווג, אַז דער באַגריסטער זאָל אַן איבעריק מאָל דערפילן די גאָרע באַשיידנקייט און האַרציקייט פון דעם דאָזיקן באַרימטן לענינגראַדער דאָקטער, וועלכער איז טאָמיד פאַרפאַנצערט מיט פאַרנומענקייט און פאַרטראַכטן שווייגן.

סעמיאָן לוואָוויטש מאַכט קיין בילעך נישט, ווער עס קומט אים פאַר די אויגן: דער שפּיטאָל-נאַטשאַלניק, צי אַ סאַניטאַרקע; אַ קאָלעגע, צי אַן אויפרוימערן; אַ קראַנקער מאַיאָר, צי אַ רויטאַרמייער; צי גאָר

דער כאמיד פארשמאָדערטער, פאריסטער קעסל־הייצער, דער טשוואש, פּאמא פאמיטש טשומאקין.

פּאמא פּאמיטש — „דער שווארציאַר פון שפיטאל", קומט אים אָפּט אנטקעגן אין א זיגזאגיקער ליניע, מאכמעס זיין שווארצער צעקאָשמע־טער קאָפּ, פּאמא פּאמיטשעס, איז אָנגעגאָסן מיט „וויין", און זיינע אויגן פּלעמלען מיט ספּירט־פייערלעך, און אים אליין דאכט זיך, אז דער אונטערן־קעסל הייצט זיך בא אים אין שארבן.

איז ער איינמאל, טאקע פּאמא פּאמיטש, אריינגעפאלן, מאכמעס סע־מיאָן לוואָוויטשעס הארציקער ווענדונג צו אים, אין אזא באַזוּפּענער הים־פאלעס, אז ער האָט זיך א וואקל געטאָן, געפאלן מיטן געשאָקלטן קאָפּ אָף סעמיאָן לוואָוויטשעס אקסל און פון טיפער גליקזעליקייט זיך צעוויינט:

— שין. שין, — וואס פארטייטשט פון טשוואשיש הייסט עס:

— מענטש. מענטש. מענטש.

נאָר אָף דעם האָט זיך עס גאָכנישט פארענדיקט. יענעם ליכטיקסטן מאָמענט אין זיין פארשיקערטן און פאריסטן לעבן וועט דער אלטער גוט־מוטיקער טשוואש, פּאמא פּאמיטש, נישט פארגעסן ביז מע וועט אים אריינלייגן אין דער גרויער נישט־געהובליעוועטער טרומנע: סעמיאָן לוואָוויטש, דער גרויסער „שין", האָט אים, פּאמא פּאמיטשן, „דעם שווארציאַר פון שפיטאל", א קוש געטאָן אין פארשוויצטן שטערן.

און כאָטש די קאסטעליאַנשע די מאַרשאס, קאטיא, האָט אים, פּאמא פּאמיטשן, דריי טעג נאָכאנאנד געזידלט און געשאָלטן, פארוואס ער האָט אויסגעריסט סעמיאָן לוואָוויטשעס נאָר־וואס אָנגעטאָנענעם בלאַנקענדיק־זויסן באלאט, וואס זי האָט גלייך געמוזט טוישן אָף אַן אנדערן, — האָט דאָס אים גאָרנישט גערירט. איר, קאטיאָן, וועט אפילע סעמיאָן לוואָ־וויטש קיין קוש נישט טאָן, זי זאל פּלאצן אפילע.

— אונדזער סעמיאָן לוואָוויטש, — פלעגט זיך ווערטלען דער קראנ־קער סערזשאנט באָרים באַלביק, א ייִד, פון פאך א שוסטער: איז נישט פון יענע „שניידערס", וואס „צוגעשניטן און אוועקגעלייגט". יעדער „צו־געשניטענער", קוים האָט איבער אים א פּאָר געטאָן די שאַרף פון סעמיאָן לוואָוויטשעס כאלעף, צי די ציינדלעך פון זיין זעגעלע, איז ער שוין, ווער ער זאל נישט זיין, זיינער א זון, סעמיאָן לוואָוויטשעס.

— ג. —

ווען סעמיאָן לוואָוויטשן פאַרבלייבט אַמאָל צווישן טאָג און נאַכט אַ שטיקל פרייע צייט, נוצט ער עס זעלטן אויס אַף אַפּצורוען. ער גייט דעמאָלט איבער די פּאַלאַטעס „אין וויזיט צו די קינדער", צו זען און הערן, ווי זיי פילן זיך. ס'איז אַ פּריוויליקער, פרייער „אָבכאָד", אָן דער באַגלייטונג פון נאַטשאַלניקעס, קאָלעגן און מעדשוועסטער. ער איז איצט איינאַליין, אויג אַף אויג און האַרץ צו האַרץ מיט די „קינדער".

און כאָטש יעדן איינעם פון זיי קאָן ער דאָך צוטיילן נישט מער ווי געציילטע מינוטן, ווערט אָבער אַרויסגעבראַכט זיין געוויינלעכע פראַגע: „ווי גייען דיינע איניאַנים, זון?" מיט אַזאַ אויפריכטיקער וואַרעמקייט, אַז דער קראַנקער דערשפּירט סעמיאָן לוואָוויטשעס ווייכע געדעמפּטע שטים זיך צעגיסן זים איבער די ביינער. פאַרהאַרטעוועטע העלדישע שלאַכטלייט ווערן פאַרווייכט און פאַרקינדערשט. און קעדיי דעם „פּאַ-טער" קיין אַגמעס-נעפעש נישט צו פאַרשאַפן, פאַלט קימאַט שטענדיק אַ מונטערער ענטפער:

— איך דאַנק, כאַווער דאָקטער. פון טאָג צו טאָג אַלץ בעסער.

סעמיאָן לוואָוויטשעס פּאָנעם שיינט אויף דערביי, האַגאַם קיין אָפּ-גענאַרטער איז ער נישט: ער ווייס גראָד אַליין, ווען און וויאַזוי דער קראַנקער ליידט פיזיש, און שטויסט זיך אויך אָן וועגן דעם קראַנקנס גייסטיקע ליידן. דאָס זאָגט ער נאָר אַזוי, דער קראַנקער. רויטאַרמייער האָבן נישט בעדערעך-קלאַל די טעווע פון קלאָגן זיך; פון רויטאַרמייער-פּאַרטייער שוין אָפּגערעדט. מיט ווייניק אויסנאַמען באַזיצן זיי די ווילנסקראַפט און דאָס קענטעניש צונויפצוקלעמען די ציינקאַסטנס אַזוי, אַז אַפן מויל הענגט אַ שטאָלענער שלאָס פון שווייגן, נישט אויפצו-שליסן און נישט אויפצורייסן אים פאַר קיין געשריי און פאַר קיין אַרויס-ווייז פון פערזענלעכן ווייטיק אָדער שרעק. אַף דערויף איז ער דאָך אַ רויטאַרמייער, אַ פּאַרטייער, אויפצונעמען אָן יאַלעווע טייגעס און קלאָ-געריייען, וואָס דערנידעריקן דעם מענטשן, יעדע גוויטוועגדיקייט און אומ פאַרמיידלעכקייט, פאַר וועלכע עס שטעלט אים דאָס לעבן און די פליכט. און ער, סעמיאָן לוואָוויטש, פילנדיק אַ שטאַרקן דערעך-ערעץ פאַר אָט דער דאָזיקער פיזישער און גייסטיקער פעסטקייט און אַ טיפן געפיל פון

ליבע צו דעם, וואָס באַהאַלט אויס זיינע ליידן פאַר פרעמדע אויג־און־אויערן, — מאַכט זיך גלייבנדיק דעם קראַנקן און שענקט אים אַמאָל אַפילע אַ קלעפּל אַפּן אַקסל:

— מאַלאַדיעץ, דו אַדלער מיינער.

אַ בליציק דורכבליקן זיך צווישן דעם „פּאַטער" און „זון", וואָס ווערט טיילמאָל באַגלייט מיט אַ געמיינזאַמען צונויפגעגאַסענעם באַזיקטן שמייכל, זאָגט אויס: מיר פאַרשטייען זיך איינאַנדער זייער גוט, אַז מיר נאַרן אָפּ איינער דעם צווייטן, נאָר אַזאַ אָפּנאַרעריי איז ערלעך און מענטשלעך, ווייל עס באַרויִקט דאָס געמיט.

אַזוי קלערן אין דעם מאָמענט נישט נאָר זיי אַליין. די גאַנצע פּאַלאַטע, וואָס האַלט געשפּאַנט איין דעם אָטעם, קוקט אַריבער אַהער מיט אַ דריי צענדליק פּאָר אויגן און הערט זיך איין מיט אַ דריי צענדליק פּאָר אויערן, טראַכט אויך אַזוי. מיט דער זעלבער מאַכשאָווע הערן זיך איין, דאַכט זיך, אויך די ווענט, דער סופיט, די פּאַדלאָגע, די בעטן, די קוליעס און פּראָטעזן, וואָס וואַרטן ווי לעבעדיקע גלידער, בלויז צייטווייליק אָפּגעטשעפּעטע פון די קראַנקע, מע זאָל זיי ווידער נעמען פון די ווינקעלעך אַרויס אין דער אַרבעט אַריין.

— מאַלאַדיעץ, העלד מיינער. — כאַזערט איבער סעמיאָן לוואָוויטש און גייט ווייטער.

— אַף דעם פּלאַץ זענט איר דער העלד, סעמיאָן לוואָוויטש. — זאָגט אים איינמאָל דער פּאָליט־פירער, כאַווער פראַוודין, אַ רוסישער זשורנאַליסט, דער רעדאַקטאָר פון דער שפּיטאָלישער וואַנטצייטונג.

— איך נעם זיך נישט אונטער אייך איבערצושפּאַרן, כאַווער פראַוודין, — קנייטשט סעמיאָן לוואָוויטש די געבויגענע פּלייצע און אַ שמייכל שימערט אַף זיין פּאָנעם: ווייל העלדן גייען אַרויס אַלס זיגער פון יעדן מין קאַמף...

— זענט איר טאַקע אויך איצט אַרויס דער זיגער, טייערער סעמיאָן לוואָוויטש... — צעלאַכט זיך הויך און ברייט כאַווער פראַוודין: איך הייב אויף פאַר אייך די הענט. נעמט מיך אין געפאַנגענשאַפט...

די פּאַלאַטע צעשטראַלט זיך מיט אַסאַך פּנעמער און לאַכט מיט.

— אייער נישט־כיטרע באַשיידנקייט, כאַשעווער סעמיאָן לוואָוויטש, נאַרט קיינעם נישט אָפּ, — וואַרפט צו קאַפּיטאַן גלאַדיאַסקאַראַוו און

קוקט אף אים מיט אַ בליק, וואָס בליצט אַרויס מיט ליבע פון זיינע טאָ־טערישע ביטרע־געשניטענע אויגן־דרעמלעך.

— ד. —

דאָ, אין די פּאַלאַטעס, האָט מען דעם איינדרוק, אַז סעמיאָן לוואָ־וויטש שיידט זיך נישט מיטן שפּיטאָל גאַנצע פיר און צוואַנציק שאָ. וואָכן. כאַדאָשים.

מענלעך, אַז שפּעט באַנאַכט, ווען דער שפּיטאָל גליווערט אין רו, שטילקייט און שלאָף, פאַרלאָזט ער דעם שפּיטאָל־ביניען און גייט צו זיין פּריוואַטער היים, וווּ עס וואַרטן אף אים אַ וואַכנדיקע פרוי און איינגע־שלאָפענע קינדער;

מענלעך, אַז דאָרט לעבט ער אַן אַנדער לעבן, לעבט איבער אַנדערע געפילן, אַזעלכע, וואָס מאַכן אים אַפילע פאַרגעסן דעם שפּיטאָל מיט זיי־נע קראַנקע „קינדער";

מענלעך אויך פאַרקערט, אַז אויסערן שפּיטאָל איז ער אַ פולשטענ־דיק עלנטער מענטש, אַז דאָרט, אין זיין אַלט־באַכערישער, אָדער אַלמאָ־נעדיקער היים, איז זיין איינציקער כאַוער דאָס קאַלטע געלעגער, וואָס נעמט אויף גלייכגילטיק זיינע אויסגעמאַטערטע גלידער און צעפּייניקט געמיט; —

אַלץ איז מענלעך, נאָר דער שפּיטאָל וויל נישט פּאַטערן קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם. דער שפּיטאָל איז עגאָיסטיש. דער שפּיטאָל קאָן סע־מיאָן לוואָוויטשן אויסשליסלעך אויסער אַ וועלכן־עס איז פּערזענלעכן לעבן זיינעם.

פונקט דער הייפּעך דערפון איז סעמיאָן לוואָוויטש. ער פאַרגעדענקט שוין גראָד יאָ די פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן פון אַלע זיינע קראַנקע „קינ־דער". ער לאָזט נישט אויסן קיין געלעגנהייט אויך וועגן זיי אַ פרעג צו טאָן באַ דעם און יענעם:

— נו, און דיין ווייבל וואָס שרייבט דיר?

— אַ דאַנק, סעמיאָן לוואָוויטש. זי שרייבט, אַז זי בענקט שוין זייער, זייער שטאַרק נאָך איר קאַליעקע. נאָר... סיידן אַ קאַליעקע גלייבט אַ ווייב אַזוי פיל. — צעשמייכלט זיך דער אויסגעבענקטער מאַן.

— האָסטו שוין געקריגן פון דיין זעקסקלאַסיקן שטיפער נאָך א בריוו? — פרעגט ער איילנדיק א צווייטן.

דער גערירטער באַגליקטער טאַטע שיינט אויף איינגאַנצן. זיין בליק איז טרוימעריש פאַרשטאָכן, דורך סעמיאָן לוואָוויטשעס געשטאַלט, אין הונדערטמייליקער ווייטקייט צו זיין ליבלעכער היים. ער זעט בעשיים־פערלעך זיין בען־יאָכידל, און וויל נעמען דערציילן וועגן אים. נאָר דאָ כאַפּט ער זיך — סעמיאָן לוואָוויטש איז דאָך שוין בא א פינפטן בעטל. און בלייבט זיצן אַפּהענטיק און פאַרשעמט.

ער באַווייזט קיינמאָל נישט אויסצוהאָרכן דעם קראַנקן, סעמיאָן לוואָוויטש. נאָר באַליידיקן זיך אױף אים איז נישט שייעך: וואָס? א בען־יאָכיד איז מען בא אים? פאַראַן דאָ נאָך קראַנקע טאַטעס פון קינדער. זיי אַלע אויסצוהערן, וועלן קיין אויערן נישט קלעקן: זיי וואָלטן פון אָנ־שטרענגונג פאַרשטאַרט געוואָרן.

אָבער סאַראַ זיקאָרן ער האָט עס, סעמיאָן לוואָוויטש. אַזא זיקאָרן ליגט אוואַדע — נישט אין קאָפּ — אין האַרצן.

סעמיאָן לוואָוויטש איז מיין קאָפּ און מיין האַרץ, — אַזוי טראַכט וועגן אים, אַזוי פילט אים דער שפּיטאָל: אויך די נעכט שלאָפט ער דאָ אוואַדע איבער אין דער שפּיטאָל־טפיסע. ווי דעם גאַנצן טאָג, אָטעמט ער אויך באַנאַכט מיט דער אייגענער לופט, וואָס די קראַנקע. זיינע כאַלוי־מעס פאַרקרייזלען זיך מיט די צעשויבערטע כאַלוימעס פון דער קראַנקן־מישפּאָכע. די זיפצן פון די קראַנקע קיצלען זיין שלאָפנדיק ערנסט פּאָנעם און מאַכן עס צוקן. זיינער א טיפער זיפץ רייסט זיך אַרויס זיי אַנטקעגן...

סעמיאָן לוואָוויטש, — איז דעם שפּיטאָל זעלבסטפאַרשטענדלעך: וועט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, די קראַנקע — יאָ, ער — נישט.

די קראַנקע וועלן זיך דערוואַרטן זייער פולע געזונט, וועלן באַ־הערשן די געניטשאַפט צו גיין געהעריק אפן פּראָטעז און ענדלעך דער־לעבן דעם טאָג פון געזעגענען זיך מיטן שפּיטאָל. דאָס וועט זיין דער יאָנ־טעוודיקער טאָג אין דער וואָכעדיקייט פון זייער שפּיטאָל־לעבן. דער פייערלעכסטער מאָמענט אין דעם טאָג — דאָס געזעגענען זיך מיטן „פּאָ־טער", מיט סעמיאָן לוואָוויטשן. דער אומבאַריידעוודיקסטער וועט דער־מאָלט געפינען די ריירנדיקסטע ווערטער צו באַדאַנקען סעמיאָן לוואָווי־טשן פאַר... אַלץ, פאַר אַלץ.

אָבער סעמיאָן לוואָוויטש וועט דאָ פאַרבלייבן.

ווער פון די קראַנקע עס וועט זיך אומקערן אין זיין נאָענטער אָדער ווייטער היים, אויב זי איז נישט פאַרכאַפּט פונעם סוינע, אָדער וואַלגערט זיך נישט אין כורוועס, און ווער עס וועט זיך יעדנפאַלס, אַ פרייער, אַריינציען אין דער פליכטפולער אַרבעט פאַרן פראָנט אין הינטערלאַנד. דער שפּיטאָל וועט פון אים אָפּשווימען הינטערווײלעכס, וואָס ווייטער, אַלץ טיפער, אין דער אַכזאָריעסדיקער פאַרגאַנגענהייט אַריין. ער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין געמיט אין אַ טונקל קאַפּיטל זיכרוינעס. דערמאָנען אין אים וועט דער סקריפּענדיקער קרעכץ פונעם פּראָטעז...

ער אָבער, סעמיאָן לוואָוויטש, איז צונויפגעוואַקסן מיטן שפּיטאָל, ווי אַ טשערעפּאַכע מיט איר שאָלן. עס איז אים פונדאַנען מיט קיין צוואַנגען נישט אַרויסצורייסן. ס'איז זיך גאָרנישט אויסצומאָלען דעם שפּיטאָל אָן סעמיאָן לוואָוויטשן, און סעמיאָן לוואָוויטשן אָן דעם שפּיטאָל. וועט אויפהערן צו עקזיסטירן, נאָך דער מילכאָמע, דער שפּיטאָל, וועט אויך פאַרשווינדן סעמיאָן לוואָוויטש.

סעמיאָן לוואָוויטש וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעגענדע. עס וועלן וועגן אים דערציילן זיינע „זין“, די מילכאָמע־אינוואַלידן, אין זייערע הייזער, אַרומגערינגלט פון דעם הויזגעזינד. עס וועט עפּשער אויך אין גאַנצן געזונגען ווערן וועגן אים אַ פּאַשעטע פאָלקס־ליד, וואָס אין זיין אָרמעטיקער מעלאָדיע וועט זיך הערן דער סקריפּענדיקער קרעכץ פון טויזנטער פּראָטעזן.

— ח. —

אין אַ טונקל אָפּגעזונדערט ווינקל פון שפּיטאָל זיצט אַ גרופּע ייִדישע קראַנקע און זיי פירן צווישן זיך אַ ייִדישלעכן שמועס:

— ער אַרבעט אָפּ אַ שטיקל פוס, סעמיאָן לוואָוויטש, נישט ערגער ווי איך אַ שטיוול, — רעדט, נישט אײַלנדיק זיך, דער סערזשאַנט באַרים באָלניק פון וויניצע מיט זיין פליסיקער באַריידעוודיקייט פון שאָלעם־אַלייכעמס אַ פאַרשוין: איר ווייסט, פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ ייִד, אונדזער הויפּט־שניידער, אַ ייִדישער באַלמעלאָכע... פונוואַנען איך בין אַזוי זיכער אין דעם? אַ פרעמדן פוס דערפילט מען ערשט ווען ער טרעט אָן

אף א נאגניאטסע, אדער טוט א פארפאר אין דער מעבילע אריין. אן איי-
גענער פוס, אפילע ווען ער שלאפט איין, שפירט מען אויך, ווי מערעש-
קעס לויפן איבער אים... ער איז א ייד, סעמיאן לוואוויטש, א ייד, פאלגט
מיך.

— א ייד, נישט קיין ייד — גאנץ עגאל, — איז דער רויטארמייער
סאלאמאן נויהיים פון טשערנאוויץ אינטערנאציאנאליסטיש, ווייל דא
זיצט אויך פוליע כאלאדיווקער, א קאמיוגיסט: וואס גייט דען אפ מיין
„קריפל" (ער גלעט דערביי מיט ליבע זיין ווייס-פארבינטעוועטע „קול-
טיא"), אבוואל באארבעט האט אים דאקטער מוסטאיעווא, די טאטער-
קע?

— פארשטענדלעך, — רעדט, ווי טאמיד, רוסיש און קארג אפן
ווארט, פוליע כאלאדיווקער, דער גווארדייער, אויבערסערזשאנט אין אווי-
אציע: ייד, צי טאטער — דער איקער אבי א סאוועטישער מענטש.

— צוויי פרויען האב איך ליב... מיין פרוי, אויב זי איז לעבן גע-
בליבן אין טשערנאוויץ, און זי, „מיין טאטערקע", די דאקטערן מוסטא-
יעווא, — באגייסטערט זיך סאלאמאן. זיין בלאס-געלבלעכע גאלדיקע
הויט אף זיין געטאקטן פאנעם רויזלט זיך, און זיינע טויבן-אויגן גייען
איבער מיט א ווארעמען טרערן-שימער: זי (...ווער? זיין פרוי? אדער די
דאקטערן?...) איז איין הארער ענגל.

— אן ענגל? — פרעגט איבער דער פראסטאק באריס, וועלכער האט
אין קיין שול נישט געלערנט, ארבעטנדיק פון קינדווייז אויף אין דעם
שוסטער-פאך.

נאר דאס ווארט קלינגט אים דאך היימישלעך פון די אוונט-קורסן,
וואס ער האט באזוכט שוין אין זיינע באכער-יארן צוליבן מיידל, מיט
וועלכער ער האט „א ליבע געשפילט", און ער צעלאכט זיך:

— סארא שנייד אריין אין דער כאליעווע אריין — די דאקטערן
מוסטאיעווא און ענגלס!...

— מע זעט, באריס, אז דו האסט נאך די פאליט-איוורע נישט פאר-
געסן, — צעלאכט זיך אויך פוליע כאלאדיווקער דער קאמיוגיסט.

— המם... — דערמאנט זיך סאלאמאן, ווי זיין מוטער, אן אפשטא-
מיקע פון פוילן, פלעגט זאגן: א מאלעך.

— א מאלעך? — גייט כאלאדיווקער איבער אף יידיש, זיינע אויגן

פּלעמלען וועלפּיש, און דאָס אָפּגעצערטע קנאָביקע פּאָנעם ווערט שטרענג און פּראַקטיק: באַ אונדז אין לאַנד זיינען די מאַלאָכים, אַזוי ווי די מעלאָכים, פון לאַנג שוין אויסגעראָטן. איך בין נישט איין מאָל געפלויגן אין די הימלען, און קיין איינעם דאָרט נישט באַגעגנט.

— אפן הימל וואָר איך נישט, — איז אָבער סאַלאָמאָן איינגעשפּאַרט: אַף דער ערד עקזיסטירן זיי דאָך — מיין פרוי, מיין מוסטאיעוואַ און... אינטערעסאַנט, באָרים, ווער עס וועט כאַלאַדיווקערן רעאמפּומירן, די מוסטאיעוואַ, צי סעמיאָן לוואָוויטש?

— אַ מענטש, אַ סאָוועטישער מענטש. — שניידט אים אָפּ קורץ און שאַרף כאַלאַדיווקער.

— אַזעלכע מענטשן, — דרודלט זיך אָן „דער געלער מרוק", דער רויטאַרמייער מעשקע בוכבינדער, אַ יונגערמאַן פון מיירעוו-אוקריינע, ווו ער איז אין זיין שטעטל געווען אַ מיטגליד פונעם עלטערן-קאָמיטעט באַ דער יידיש-וועלטלעכער פאָלקסשול: אַזעלכע יידישע דאָקטוירים, אַסימילאַטאָרן ווי סעמיאָן לוואָוויטש, האָבן נישט געפעלט אויך באַ אונדז... המם, איך מיין, אין געוועזענעם פוילן. די „נאַפּקעמינע" איז בלויז, וואָס יענע האָבן גערעדט פויליש, און דער... המם... איך וואָלט אַזוינע יידן איינגעבונדן „עם כל הנערים" אין איין מאַכזער מיט הילצערנע טאָורלען, איבערגעצויגן מיט כאַזער-פעל, פאַרמאַכט אַף אַ שלאָס און... המם... אוועקגעשיקט אים אַ מאַטאָנע היטלערן, ער זאָל אים אַ בלעטער טאָן... אַזעלכע מעשומאָדים יידן, ווי...

— האָט זיך צעלאָזט „דער געלער מרוק" אַף די קוליעס. — לאַכט גוטמוטיק באָרים און וואָרנט אים מיט אַ דראָענדיקן פינגער: דו ברענג נישט אָפּער סעמיאָן לוואָוויטשעס ריינעם נאָמען אַף דיינע אומריינע פאַרפאַפטע ליפּן... כאַ־כאַ־כאַ. און וואָס קאָכסטו זיך? עפשער איז ער נישט קיין ייד, סעמיאָן לוואָוויטש. אָבער אַ מענטש איז ער — פון מענטשן-לאַנד.

— ו. —

עלף אַזייגער אין אָוונט. סעמיאָן לוואָוויטש זיצט „באַ זיך אין דער היים". אַן אָרעמלעך קנאַפּ־אויסגעמעבלירט צימער. דער אָפּגעראַטעווע-

טער טייל פון זיין גרויסער וויסנשאפטלעכער ביבליאטעק אין לענינגראד־מאכט עס ענג פון איין זייט, דעם הויז־באלעבאס פיאנינא — פון דער צווייטער. לעם איר — זיין פרוי סאפיא ארקאדיעוונא, די טאכטער פון א באריםטן אוקריינישן פיאניסט און א פוילישער דארפישער שיינהייט. זי זיצט מיטן פריצייטיק-באזילבערטן קאפ און די פלייצעס צו אים. דאך העגגט פאר זיין אינערלעכן בליק איר מילד־אומעטיק פאנעם מיט די יונגע העלע אויגן, וואס נישט די עלטער האט זיי ווי מיט א רויבעלע פארצויגן. אירע בלאס־ווייסע לאנגע פינגער, דורכזיכטיקע אין דער עלעקטריזיין, לויפן איבער די שווארצע קלאווישן. פון אונטער זיי כוואליעט זיך ארויס שאפענס מוזיק און פארגיסט דאס צימער.

נישט פאר אים שפילט זי עס — פאר זייער בען-יאכיד, מיי. מיי סעמיאנאוויטש, קאפיטאן אין אוויאציע, העלד פון ראטנפארבאנד.

ווי באשיידן עס העגגט דער ארדן אף זיין ברוסט, בעיים ער שטייט איצט לעבן איר! ווי ער וואלט פאר איר אף די קני געשטאנען... נאך נידעריקער... ער איז נארוואס צו איר צוגעפארן אפן וועגעלע מיט די נידעריקע רעדעלעך, אפשטופנדיק זיך פונעם ארט מיט די פויסטן אין לעדערנע באקסער-הענטשקעס.

אזויווי דעם יונגן טשעך, יאנען, האט עס אויך זייער מייען ביידע פיס ביז די וואָרצלען אראפגעריסן. די מוזיק פארווינגט, סעמיאן לוואָוויטש שפארט אונטער דעם קאפ מיט ביידע הענט און זיינע אויגן שליסן זיך פון אויסגעמאטערטקייט. עס פלאנטערן זיך אים מאכשאוועס אין קאפ:

...די טעוטאנישע ראצכים האבן זייער זון, מייען, געמאכט מיט א פאר פיס נידעריקער. אבער זיין העלדישקייט האט אים דערהויבן מיט צען קעפ העכער. ער גלייכט זיך אויס, מיי, מיט זיין גרויסן זיידן, מיט זיין, סעמיאן לוואוויטשעס, טאטן.

אין סעמיאן לוואוויטשעס זון טויכט אויף דאס געשטאלט פון דעם יידישן פארטיזאן, וואס ער האט דא אפעריִרט. דער פארטיזאן האט אים איינמאל אנגעהויבן דערציילן וועגן דעם אומקום פון א יידישן שטעטל אף וואלין, און ער, סעמיאן לוואוויטש, האט אים, גארנישט לויט זיין שטייגער, אויסגעהערט ביזן סאף. האט דען דעם קראנקן געקאנט איינפאלן, אז ער דערציילט דעם באריםטן לענינגראדער דאקטער דאס לעצטע

קאפיטל געשיכטע פון זיין געבוירן־שטעטל, אז זיינע ווערטער שניידן, ווי מיט טעמפע מעסערס, דאס הארץ פון דעם כירורג? ער האט בלויז באמערקט מיט שטוינונג, ווי א צוקעניש שפילט אפן דאקטערס פאנעם, און זיין נאכלאזיק־אראפהענגענדיקע ליפ ווײנט... נישט קיין ליפ, נאר א בראנדיקע וווּנד.

אין סעמיאן לוואוויטשעס איינגעדרימלטן זון שטייט אויף לעבעדיק דאס שוידערלעכסטע בילד, וואס דער פארטיזאן האט פאר אים געשילדערט:

— — — זיין היימשטעטל, אזיעריאן. דער גרויסער שול־פלאץ מיטן הילצערנעם ברונעם אינמיטן. די גאנצע קעהילע, דאכט זיך, איז דא פארזאמלט: מאנצביל און ווייבער, באכערים און מיידלעך, זקיינים, זקיינעס און קינדער. איבער זייערע פענעמער שפילט א סרייפע־שיין. די אויגן זיינען ארויסגעשטארצט מיט איימע. עס ברענט די אלטע הילצערנע שול. נאר נישט אין פייער ארייַן ציען זיך זייערע אויגן... נענטער צום פייער, אפגעטראטן איינער פונעם צווייטן שטייען באוואפנטע עס־עס־לייט, מיט בלוטיק־רויטע באלויכטענע פארצופים, מיט אויגן ווילדע פון רציכע, מיט דראענדיקע בייטשן אין די דלאניעס. די בייטשן טוען זיך א שלענגל און א פייף אין דער לופט יעדעס מאל, ווען עס קומט זיי אונטער א הויכער אלטער מאן — דער ראוו פון שטעטל, רעב לייווי. זיין קאפ — אנטבלויזט, קלארער שניי; די לאנגע ווייסע באָרד — צעפאלאשעט־צעשויבערט; זיין לאנגער דארער גוף — אינעם איינעם העמד, די פיס — באָרוועס; זיינע הענט אין די ברייטע ארבל קלאמערן ארום א נאקעטער געלער סייפערטוירע, וואס איז ווי ארייַנגעוואקסן אין זיין צעכראסטעטער וויים־באוואקסענער ברוסט... די טוירע מיט דעם טאטנס לייב — „מעור־אחד"... זיינע אויגן — ארויסגעקראכן מאכמעס איימע און באגייסטערונג פון קאנאעס; ער נייגט זיך נישט אוועק פון די שמיץ, וואס פאלן ווי שלענג ארום זיינע גלידער...

ער טאנצט מיט אזא היסלאוועס, אז אפילע די ראצכים כאפן זיך לעסאף: דאס טאנצן אונטער דעם פלייץ פון זייערע שמייסנדיקע בייטשן פארשאפט אים גאר א הימלישן נאכעס־רועך, דעם קארבן. ביז צוויי פון די קיילער־יונגען טוען אים א כאפ, דעם טאטן, איינער פארן קאפ, דער צווייטער פאר די פיס, א צעוויג אים אין דער לופטן, א שליידער אים אין

די פלאמען און... זיי שיסן מיט א טייוולאניש געלעכטער... נאר דער טאַטע, א פלאמענדיקער שוין טאנצט נאך אלץ מיט דער סייפערטוירע... דער אלטער ראָוו מיט דער אייביקער יידישער סייפער־טוירע, וואס לערנט שוין אזוי לאנג „ואהבת לרעך כמוך" — — —

לעצטע אקאָרדן פון שאפענס מוזיק און לייכטע באוועגונגען פון א צאַרטער האנט וועקן אים פון דרימל, פון גרויל און סרייפע. ער עפנט די אויגן און דערזעט דעם זונס קאפ בא זיינע קני. אונטערן אש פון זיינע טליענדיקע געהירן בלאזן זיך אויף פונקען און צינדן אן א געדאנק:

...דריי יידישע דוירעס —

זיין טאטע, דער גאון בעיסראעל, דער קליינשטעטלדיקער אלטער ראוו, וואס האט אויסגעטאנצט זיין לעבן אין פלאמען אל־קידעש־האשעם, רעב לייווי בערעב שימען — —

ער אליין, דער אמאליקער אילוי פון דער סלאבאדקער יעשיווע, דער לענינגראדער בארימטער כירורג, סעמיאן לוואוויטש — —

און זיין טאטנס אייניקל, זיין זון, קאפיטאן אין אוויאציע, העלד פון ראטנפארבאנד, מיי סעמיאנאוויטש — —

...און וואס ווייטער?

זיין פרוי און זיין זונס מוטער, סאפיא ארקאדיעוונא, די טאכטער פון בארימטן אוקריינישן פיאניסט און א דארפישער שיינקייט, זיצט שוין איצט מיט דער פלייצע צו דער פיאנינא און מיטן פאנעם צו זיי.

אירע אויגן, ווי מיט א רויכעלע פארצויגן, בלאנדזשען אומעטיק און צערודערט איבער זייערע בײדנס יידישע קעפ.

אופא, 1943 — לאדזש, 1947.

אינהאלט:

	זייט
דורך טויט צום לעבן	5
סעמיאָן לוואָוויטש ריאַזיאַנסקי	89

ווערק פון ל. אָליצקי:

„אין אַן אַקופּירטן שטעטל", דערציילונג. פאַרלאַג „קולטור-ליגע", 1924, וואַרשע.
„אין שיין פון פלאַמען", נאָוועלן. פאַרלאַג „ב. קלעצקין", 1927, ווילנע-וואַרשע.
„מעשאַלים", פאַרלאַג „קולטור-ליגע", 1929, וואַרשע.
„נעראַנגל", ראָמאַן אין צוויי בענד. פאַרלאַג „קולטור-ליגע", 1932, וואַרשע.
„זון אַנטקעגן", דערציילונגען. פאַרלאַג „ציש"אָ", 1933. וואַרשע.
„הונטמאַן", ראָמאַן (אין צוויי אויפלאַגעס). פאַרלאַג „קולטור-ליגע", 1937, וואַרשע.
„ווענט האָבן אויערן", מעשאַלים. פאַרלאַג „קולטור-ליגע", 1938, וואַרשע.
„דער מענטש ווערט נוט זיין", מעשאַלים. פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", 1947, לאָדזש.

פארלאג „איקוף"

א. סוצקעווער
ווילנער געטא

פרייז 10 פעזעס.

אלעקסאנדער בעק
פאנפילאָווס מענטשן

יידיש מ. וואַלאַנסקי

געבונדן אין קאַרטאָן 8 פּ., אין לייוונט 10 פּ., לוקסוס-אויסגאַבע 12 פּ.

שאלעם אליינעם
דאָס מעסערל

פרייז 1 פעזע

סימכע סנע
בלעטער אפן ווינט

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס

זישע וויינפער
דער גילדענער האָן

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס

צאַלעל בליך
טרוימען אנגעטאָן אין שטאָל

בראָשירט 11 פּ., געבונדן אין לייוונט 14 פּ., לוקסוס-אויסגאַבע 16 פּ.

צאַלעל בליך
טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע

פרייז 1 פעזע

פּ. קאַץ
געקליבענע שריפטן (אין 9 בענד)

א גאַנג געבונדן אין לייוונט 75 פעזעס, לוקסוס-אויסגאַבע 120 פעזעס.

פאָרטרעטן פון מענדעלע מוכער ספאָרים

פרייז 50 סענט

EDITORIAL "I C U F"
Valentín Gómez 3245 :: T. E. 62 - 1002 :: Buenos Aires